STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05914

DER BUNT

S. Apter

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. אַפטער

דער בונט

און אַנדערע דערציילונגען

3

פאָלקס־ביבליאָטעק

שרייבער־סעקציע ביים איקוף

ניו־יאָרק

S. Apter

DER BUNT

Un andere derzeilungen

Printed in U.S.A.

— ● —

New York, 1942

Pillsdorf Printing Co. 214 417 Lafayette St., N. Y.

אינהאלט:

	זייט
דער בונט — — — — — — —	5
אַן אַלט הויז — — — — — — —	26
פּרנסה — — — — — — — —	34
פּדיון שבויים — — — — — —	44
פֿאַר דער שחיטה — — — — —	67
אין פלאַמען — — — — — — —	77
זיינע מתנות — — — — — —	84

תיקון־טעות

די שורה 9 (פון אונטן) אויף ז׳ 5 דאַרף זיך אַזוי לייענען:

שיע קראַוועץ האָט גענומען אַ קאַלטן קאָמפּרעס, אים צו־

דער בונט

— מען קלאַפּט אין טיר. דו הערסט, שיע? זיי גייען מיך נעמען. וואו ביסטו, שיע? לאָז מיך נישט איבער אַליין, — האָטביילע געשריגן פון בעט אַרויס, און בלאַנדזשענדיק געזוכט מיט די הענט.

דער שניידער שיע קראַוועץ האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף זיין ווייבס מויל און זיך ביי איר געבעטן.

— אַט זיץ איך דאָך לעבן דיר, קיינער קלאַפּט נישט. האָב רחמנות אויף דיינע קינדער. עמעצער וועט נאָך דערהערן, אַז דו ביסט קראַנק און מיר זענען פאַרלוירן.

פון דעם פּיכטן קאָמפּרעס, וואָס איז געלעגן אויף זיין ווייב ביילעס קאָפּ האָט געזעצט אַ פּאַרע. אירע אַרויסגעזעצטע גליענדיקע אויגן האָבן אַרומגעבלאַנדזשעט אויפן באַלקן, ווי זיי וואָלטן אים, שיען, איינגאַנצן נישט געזען. עס איז מער נישט געווען צו דערקענען די אַמאָליקע ביילע מיט דעם שמייכלענדיקן ראַזעווען פּנים. אירע באַקן זענען איצט געווען איינגעפאַלן, דאָס פּנים געל, די ליפּן שוואַרצלעך פאַרברענט. די אַרויסטאַרטשענדיקע קנאַכן האָבן געפלאַמט מיט רויטע טיפוס־פלעקן.

שיע קראַוועץ האָט פּאַמעלעך גענומען אַרומשפּאַנען איבערן צימער. געלייגט צו ביילעס שטערן. ביילע האָט צוגעמאַכט די אויגן, און שווער, וויטיקדיק געדעכעט.

פון צווייטן בעט, וואָס איז געשטאַנען לענג־אויס דער וואַנט, האָט זיך געהערט אַ שטיל, איינגעהאַלטן געוויין. שיע האָט זיך אָפּגעריסן פון זיין ווייבס בעט, צוגעגאַנגען צו זיינע צוויי יינגלעך, וואָס זענען אַט ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק אַרויס פון טיפוס־פיבער.

— וואָס וויינט איר, קינדער? די מאַמע וועט אינגיכן זיין געזונט. זי וועט קויפן ווייס מעל און באַקן חלה, ווי אַמאָל. איר געדענקט? . . .

די צוויי ייִנגלעך האָבן אָפּגעווישט די טרערן פון זייערע מאָגערע, בלאַסע פּנימלעך. זיי האָבן גאָרנישט געענטפערט, נאָר די דאַרע גערגלעך האָבן ביי זיי געצאַפּלט, ווי זיי וואָלטן אַרונטערגעשלונגען זייער ביטער געוויין.

שיע קראַוועץ האָט פּאַמעלעך געגומען אַרומשפּאַנען איבערן צימער. וואָס הויבט ער אָן צו טאָן? ווי עס זעט אויס, איז זיין ווייב, ביילע, סכנותדיק קראַנק. אַ דאָקטאָר האָט ער מורא צו רופן, ווייל דער דאָקטאָר וועט גלייך צו וויסן געבן דער קרייז־קאָמאַנדע. די דייטשישע סאַניטאַרן וועלן קומען, מען וועט ביילען און די קינדער אַוועקנעמען אין שפּיטאָל און פון דאָרטן זעט זיך נישט עמעצער זאָל אַרויסקומען אַ לעבעדיקער. די גאַנצע שטאָט רעדט שוין וועגן דעם, אַז די שווער־קראַנקע, וואָס האָבן פלעקן־טיפוס, ווערן אין שפּיטאָל גלייך פאַרסמט. זיי נעמען־צו דעם קראַנקען, און עס גייט אַדורך אַ טאָג — שיקן זיי אַרויס אַ קאַסטן באַגאָסן מיט קאַרבאָל. די חברה־קדישא קען שוין אפילו קיין שום יידישע אויסריכטונג נישט מאַכן. אַזוי ווי „זיי” שיקן אַרויס דעם מת, אַזוי מוז ער ווערן באַגראָבן . . .

פון די אַלע געדאַנקען לויפט אים דורך אַ ציטער איבערן לייב. קיינער טאָר נישט וויסן, אַז זיין ווייב איז קראַנק, ביז גאָט וועט העלפן, אפשר וועט דאָס פייער פון איר אַוועק.

פון ערגעץ נאָענט האָט זיך געהערט דערנענטערן אַ יאָמערלעך געוויין. שיע האָט אויפגעהויבן דאָס פאַרהענגל פון פענצטער. באַרג־אַראָיף דעם הינטערגעסל, האָט זיך געזען אָנקומען די קאַזשמיראָווע, דעם גאַסנקערער קאַזשמירס מוטער, וואָס וואוינט דאָ בשכנות. זי איז אַפּנים אָנגעקומען פון שפּיטאָל, וואו מען האָט איר זון און שנור נעכטן אַוועקגעפירט. זי איז צוגעגאַנגען צום ווייס־געקאַלעכטן הייזל, וואָס איז געווען פאַרזיגלט און די פענצטער פאַרקלעפּט. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן שוועל פון הייזל און אַריינגעקלאָגט אין די הענט.

— דאָס ליכט האָט זיך אויסגעלאָשן פאַר מיינע אויגן, יעזוס טייערער. איך זע נישט וואו צו גיין, יעזוס איינציקער.

נאָכדעם האָט זיך דאָרטן די אַלטע אויפגעהויבן. זי איז פון די עטלעכע טעג געוואָרן אַן איינגעבויגענע זקנה. זי האָט זיך אַוועקגעלאָזט צום בשכנות־דיקן גאָרטן־פּלאַץ מיט די שיטערע גרעזעלעך. פאַר דער מלחמה איז דאָרטן געווען אַ גאָרטן. איצט איז געבליבן אַ זכר פון עטלעכע פאַרבליבענע איינגעטריקנטעביימער. ייִנגלעך וואַרפן אַרויף שטיינער אויף די איינצלנע גרינע עפּל, וואָס האָבן דאָ באַוויזן אָנצוואַקסן. דאָרטן געפינען זיך אירע אייניקלעך וועמען זי גייט אָנזאָגן וועגן זייער גרויסן אומגליק . . .

שיע קראָוועץ זיפּצט אָפּ און לאָזט אַרונטער דאָס פּאַרהענגל. ער האָט איצט געצומען שפּאַנען זייער אומרואיק איבערן צימער. עס זעט זיך נישט קיין גוטס אין ערגעץ. ער האָט זיך אָבער באַלד אָפּגעשטעלט, ווייל עמעצער האָט זיך דערנענטערט צו זיין טיר. ער האָט אָנגעשפּיצט זיינע אויערן. מען האָט אַ ריר געטאָן ביי דער קליאַמקע. שיע האָט פון גרויס שרעק זיך אַ טרייסל געטאָן. ער האָט אַרויפגעלייגט אַ פינגער אויפן מויל, געוואָרנט זיינע יינגלעך, זיי זאָלן זיך נישט אָפּרופן.

שיע האָט זיך גיך אָנגעטאָן די קאַפּאָטע, גלייך־געמאַכט די צוגעשוירענע ברוינע באָרד. ער מוז וויסן ווער עס קלאַפּט. אפשר איז עמעצער געקומען וואָרענען, אָדער מען וויל אויסגעפינען צי עמעצער איז ביי אים קראַנק און אים מסרן? ער האָט פּאַמעלעך געעפנט די טיר, זיך אַרויסגעשאַרט און פאַרשלאָסן די טיר פונדרויסן.

די גאַס איז שיען גלייך נישט געפעלן געוואָרן. די רינשטאָקן זענען געווען פריש אָפּגעקאַלכט. די קרעמער פאַר די קראָמען האָבן מיט בעזעמער געפּוצט דעם טראָטואַר. קעגנאיבער, לעבן אַרקע בירשענקערס הויז, איז געשטאַנען אַ שפּיטאָל־קעטשל מיט רויטע צלמים אָפּגעפאַרבט. עטלעכע סאַניטאַרן האָבן געפירט אַן אויוון, מאַשינקעס, אויסצורויכערן מיט שוועבלסם די שטובן, וואו מען האָט געפונען אַ קראַנקן. די גאַס איז געווען פאַרצוימט מיט אַ מיליטער־וואַך ביי בײדע זייטן גאַס־אַריינגאַנגען. אויך ביי פיל טויערן זענען געווען צעשטעלט סאָלדאַטן. די וואַכן זענען געווען אין פולער באַוואָפענונג מיט שאַרפע מעסערדיקע באַיאָנעטן אויף די ביקסן. פון אַרקע בירשענקערס הויז זענען אַרויסגעקומען די אָנפירער פון דער סאַניטאַר־קאָמיסיע. דער קרייז־קאָמענדאַנט, ריטער פאָן קרוגער, איז געווען אָנגעטאָן אין פּאַראַדנעם אוניפאָרם, אַ גראָע פּעלערינע מיט אַ גאָלדענעם אָדלער אויפן לייכטערדיקן היטל. עס האָבן אים באַגלייט אַ כאָפּטע אָפיצערן, לייטענאַנטן און פּראָסטע סאָלדאַטן. דער איינציקער ציווילער איז דאָ געווען דער גראָוואָנסלדיקער פּוילישער דאָקטאָר זשעלינסקי. ער איז געגאַנגען מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, גלייך ווי ער וואָלט געווען אַרעסטירט צווישן זיי.

שיע קראָוועץ האָט זיך געמוזט אָנלענען אין וואַנט. ער זאָל נישט אומפאַלן. ער איז אָבער באַלד געקומען צו זיך. ער וועט זיך נישט אונטערגעבן, שיע קראָוועץ! ער האָט זיך שטיל אַריינגעשאַרט אין פעדערהויז, אויפגעשלאָסן די טיר און מיט פּאַמעלעכדיקע טריט צוגעגאַנגען צו ביילעס בעט. זי איז איצט געלעגן רואיק, שטיל. איר פּנים איז געווען צעשמייכלט, ווי זי וואָלט אַ זיסן חלום איבערגעלעבט. ער האָט שטיל אָפּגע־

זיפצט. גראָד איצט, ווען עס ווערט איר בעסער, האָבן זיי זיך באַוויזן, די פינצטערע רוחות.

שיע איז אַריין אין קיך, אויפגעעפנט די זייטיקע קאַמער. פון דאָרט האָט אים אַ שלאָג געטאָן אַ טוכלעקייט פון אָנגעוואָרפענע אַלטע הויז־חפצים. דאָ איז שוין עטלעכע טעג געלעגן אָנגעגרייט אַ שעניק איבערגעדעקט מיט אַ קאָלדרע. פון דעם פאַרשטויבטן לופטשיק האָט זיך געצויגן אַ זיילעכל זון צו דעם שעניק. שיע האָט אונטערגעהויבן דאָס פענצטערל, עס זאָל אַריינקומען אַ ביסעלע לופט. נאָכדעם איז ער צוגעגאַנגען צום ווייבס בעט. זיינע הענט האָבן מער נישט געציטערט. ער האָט עקשנותדיק פאַרביסן די ציין און אַ נעם געטאָן זיין ווייב פון בעט אַרויס. זי איז איצט געווען זייער גרינג. זי האָט פיבערדיק געגליט, ווי ער וואָלט געהאַלטן הייסע פרעס־לעך. זי האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ און אַ פישטשע געטאָן ווי אַ קראַנק פייגעלע. ער האָט זי אַריינגעטראָגן אין קאַמער, אַוועקגעלייגט אויפן שעניק. איר פנים איז איצט ווידער געוואָרן פול מיט ווייטיקדיקע גרימאַסן ער האָט נישט געהאַט קיין צייט זי לאַנג צו באַטראַכטן. די יינגלעך אין בעט האָבן ווידער גענומען וויינען שטיל און דערשראָקן. שיע האָט אַ נעם געטאָן ביידע יינגלעך, זיי אַוועקגעזעצט לעבן דער מוטער אויפן שעניק.

— קיין פּיפּס נישט, איר הערט! איר מאַכט מיך אומגליקלעך מיט אייערע געוויינען — האָט זיך שיע גענומען בייזערן.

עס האָט אים אָבער באַלד באַנג געטאָן, און ער האָט זיך גענומען בעטן ביי זיי:

— איאָ איר וועט שוויגן און זען די מאַמע זאָל זיין שטיל?

— איך וועל איר געבן אַביסל וואַסער, אָדער צוהאַלטן איר מויל, ווי דו טוסט, — האָט דאָס עלטערע יינגל געזאָגט.

שיע האָט צוגעמאַכט די טיר, גענומען דאָס געשיר־שענקל און צוגעע־רוקט צו פאַרשטעלן די טיר. שיע איז איצט געוואָרן זייער האַפּערדיק. קיינער וועט שוין נישט באַמערקן, אַז דאָ געפינט זיך אַ קאַמער. שיע האָט גיך פאַרבעט די בעטן, ווי קיינמאָל גאָרנישט וואָלט דאָ געווען.

שיע האָט אָפּגעדעקט זיינע שניידערישע ניי־מאַשינען, וואָס זענען שוין אַ צייט געשטאַנען ליידיק, און זיך גענומען פּאַרקען אַרום זיי. זאָלן זיי זען, די גרויסע לייט, ווען זיי וועלן צו אים אַריינקומען, אַז ער איז גאָר פאַרנומען מיט פּרנסה. שיע האָט שוין כסדר אַרויסגעקוקט פון פענצטער צום הויף,

זאָלן זיי שוין קומען. זי וועט לאַנג נישט קענען פאַרטראָגן די ענגשאַפּט דאָרט אין קאַמער, זיין ווייב. אויפן הויף האָט זיך אַרומגעדרייט אַ פאַר־הילטע פרוי, בלויז אַ שטיקל נאָז האָט זיך אַרויסגעזען פון איר טיכל. זי האָט זיך געבראָכן די הענט און געזוכט מיט די אויגן אַרום אין הויף, ווי זי וואָלט געזוכט הילף פון עמעצן. קיינער האָט זיך אָבער נישט באַוויזן. אַ נישט־געוויינלעכע שטילקייט האָט געהערשט איבער דעם נאָכמיטאָגדיקן פאַרשלעפּערטן הויף. פון דער שטילקייט האָט זיך בלויז געהערט דאָס זיך באַקלאָגנדיקע קול פון דער פרוי.

— סדום! עס זאָל זיך דאָס אַ מענטש באַוויזן. צו וועמען ווענדט מען זיך! טאַטע דערבאַרעמדיקער אין הימל!

שיע האָט זי דערקענט. דאָס איז געווען שלום דעם ברעטער־סקלאַדניקס ווייב. ער האָט זיך אָנגעצונדן מיט כעס. וואָס שרייט זי, די בהמה! יעדער האָט מסתמא מיט זיך צו טאָן. ער האָט אָבער נישט געקענט אויסהאַלטן דאָס געוויין פון דער פרוי. קיינער פון די אויבערשטע גאָרנס האָט זיך נישט באַוויזן. שיע האָט אַ שמייכל געטאָן . . . זיי האָבן מורא אַרויסצוגיין, די גבירים.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון מאַשין און איז אַרויס אויפן הויף.

— וואָס שרייט איר? איר מאַכט זיך אומגליקלעך, — האָט זיך שיע געבעטן.

— איך האָב שוין נישט וואָס אָנצוואוערן. מיין שלום איז חרוב, ער איז אַזוי שווער, מען קען אים נישט רירן פון אָרט און די מחבלים שטייען שוין פאַרן טויער.

— קומט, איך וועל אים אַריינטראָגן אין קאַמער.

זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום לינקן פליגל פון הויף צום ברעטער־סקלאַדניק. פונקט דאַמאָלס האָבן זיך באַוויזן די סאַניטאַרן, סאָלדאַטן מיט רויט־באַצלמטע אַרעמבענדער. זיי האָבן זיך באַוויזן דורךביידע זייטן הויף. עס איז שיען מער נישט געבליבן וואָס צו טאָן ביי שלומען. ער איז צוריקגעגאַנגען געלאָסן צו זיך אין שטוב אַריין כדי נישט אַרויסצורופן קיין שום חשד אויף זיך.

די טירן פון זיין דירה זענען שוין געשטאַנען ברייט צעעפנט. עטלעכע דייטשישע סאַניטאַרן זענען אַרומגעגאַנגען אין צימער און האָבן עפּעס מאָדנע

געשמעקט מיט די נעזער, ווי זיי וואָלטן עפּעס געוואָלט דערגיין מיט זייערע מפונקדיקע שמעקערס. ביי שיען זענען איצט אַלע חושים געוואָרן זייער וואַך. ווי אַזוי האָט ער דאָס פריער נישט דערשפּירט דעם געדרוך פון עסיק מיט וואַסער, פון וועלכן ער האָט געמאַכט קאָמפּרעסן? ער אַליין האָט דערפילט דעם שווערן דעמפּיקן געדרוך פון שטוב, וואו זיינע קינדער האָבן וואַכן נאָכ־אַנאַנד געפיבערט. די סאַניטאַרן האָבן איבערגעקערט דאָס בעטגעוואַנט, אַרונטערגעשלעפּט די ברודיקע איינשיטן.

שיע האָט זיך אָוועקגעזעצט לעבן דער ניי־מאַשין. ער האָט זיך גענומען צו אַן איבערגעניצעוועטן מלבוש. ער האָט געטריבן די מאַשין גיך, כדי איבערצוטומלען דעם ווייבס שטילע, דערשטיקטע קרעכצן, וואָס זיין וואַכיק אויער האָט מיטאַמאָל דערהערט.

די סאַניטאַרן האָבן שטיל צווישן זיך גערעדט. נאָכדעם האָבן זיי גענומען קלאַפּן מיט די פינגער אין די ווענט. געעפנט די קליידער־שאַנק. דאָס קרעכצן האָט זיך געצומען דייטלעכער הערן. שיע האָט אַרונטער־געלאָזט דעם קאָפּ, געדרעפּטשעט מיט אונטערגעהאַקטע פיס אויפן מאַשין־פּעדאַל.

איינער פון די סאַניטאַרן איז צוגעגאַנגען האַרט צום מאַשין און צאַרנדיק אַ געשריי געטאָן:

— אויפשטיין!

שיע האָט זיך וואַקלנדיק אויפגעשטעלט. דער סאַניטאַר האָט ביי שיען אויפגעהויבן דאָס אויבערשטע אויגן־לעפּל, אַריינגעקוקט. נאָכדעם האָט ער איבלדיק אַ שפּיי געטאָן לעבן שיען און אויסגעשיפּעט:

— פאַרפּלוכטער, לויזיקער יודע. וועק!

שיע האָט זיך גלייכגילטיק אָפּגערוקט. אַ צווייטער סאַניטאַר האָט אים אַ נעם געטאָן ביי די אַקסלען פון הינטן און אים אַרויסגעשטופּט פון שטוב.

שיע איז געשטאַנען אינדרויסן ווי אַ פרעמדער לעבן זיין היים. די סאַניטאַרן האָבן אַריינגעטראָגן צוויי טראַג־ברעטלעך, און באַלד אַרויס־געפירטביילען מיט זיינע צוויי יינגלעך. זיי זענען געווען פאַרבונדן מיט רימענס אַרום די בעטלעך. ביילע האָט איצט געמוזט האָבן אַ סך פיבער, ווייל זי האָט זיך גבורהדיק געריסן פון בעטל. איר פּנים איז געווען צונטער־רויט. די יינגלעך האָבן געשריען דערשראָקענע, געהויבן די אויסגעמאַטערטע קעפּלעך, וואָס זענען שלעכט געווען אַרומגעשוירן מיט זיין שניידערישער שער.

— טאטע! טאטעניו! איך וויל מיט זיי נישט גיין. לאז נישט, טאטע!

די סאניטארן האבן אריינגערוקט די טראג־ברעטלעך אין שפיטאל־וואגן, צוגעהאקט די טירן. דער לעצטער סאניטאר איז ארויס פון שטוב. ער האט מיטגעבראכט א האלב ברויטל פון שיעס שפייז־שענקל, וואס שיע האט גע־קראגן אויף דער ברויט־קארטע. דער באברילטער גרוילעכער דייטש האט באטראכט מיט גיריקע אויגן דאס ברויט, עס באשמעקט פון אלע זייטן. נאכדעם האט ער באטראכט שיען, וואס איז געשטאנען א פארלוירענער ביים וואנט. דאס ברויט איז אים נישט געפעלן געווארן, ווייל ער האט א מרוקע געטאן:

— דאנערוועטער!

און דאס האלבע ברויטל האט דער סאניטאר פארשטופט שיען אונטערן ארעם. נאכדעם האט דער סאניטאר פארמאכט די טירן און זיי פארזיגלט מיט טריפאקס.

דער שפיטאל־וואגן איז ארויס פון הויף, זיך האסטיק אוועקגעלאזט בארג־אראפ צום שפיטאל. ערשט איצט האט שיע באנומען דעם גרויסן אומגליק, וואס אים האט געטראפן. ער האט געגומען נאכלויפן מיט דער הינטערשטער גאס. ער וועט נישט שווייגן, אים איז שוין אלץ איינס. ער וועט די גאנצע שטאט אויפרודערן. זאלן זיי אים שיסן, די דייטשן! וואס איז אים דען איבערגעבליבן? דאס ווייב און קינדער צוגענומען, די שטוב־זאכן וועלן זיי פארניכטן מיט דעם שוועבלדיקן איוון. דאס האלבע ברויטל האט מען צוריקגעגעבן, ווייל דער דייטש האט עס מורא געהאט צו עסן. שיע איז מיט די פינגער פארקראכן אין דעם נישט־אויסגעבאקענעם ברויט, וואס איז שוין ביי אים געלעגן אין קעשענע. ער האט דערפילט א חלשותדיקע איבלקייט פון דעם קלעפיקן ברויט. סם גיבן זיי די מענטשן צו עסן. שטרוי מיט קלייען, אויסגעמישט מיט קאשטאנעס מעל. ווי אזוי זאלן מענטשן נישט קראנק ווערן?

דאס קעטשל איז אריין אין דער טונקעלער שפיטאל־אלייע. די הויכע טאפאליעס מיט די ברייט־בלעטערדיקע צווייגן האבן אויסגעשפרייט א נאכ־מיטאגדיקע רו. שיע האט גענומען גיין פאמעלעך, ווי ער וואלט געגאנגען אויף א פרעמדער, אומבאקאנטער גאס. פונדערווייטנס האט זיך געזען דער שטאטישער שפיטאל מיט א גרויסן צלם אויף דעם רויטלעכן דאך. לינקס, צופוסנס דעם שפיטאל־גארטן, האט זיך אויסגעשפרייט די גרויסע שול־געביידע מיט דעם רחבותדיקן פארק, וואס די דייטשן האבן דערפון געמאכט א שפיטאל פאר טיפוס־קראנקע. ביים אריינגאנג האט זיך געדרייט א דייר־

טשישע וואָך, מיט אַ באַיאָנעט אויף דער ביקס. אַ טויער האָט זיך געעפֿנט און דאָס קעטשל איז פֿאַרשוואונדן. שיע איז געבליבן שטיין ביים שטעכיקן דראָט און שטיל געוויינט. וואָס הייבט ער אָן צו טאָן, צו וועמען זאָל ער זיך ווענדן?

צוויי נאָנעס פֿון שטאָטישן שפּיטאָל זענען אַרונטער פֿון שפּיטאָל־הויף. ווען זיי זענען צוגעקומען נאָענט צום אַריינגאַנג פֿון עפּידעמישן שפּיטאָל, האָבן זיי זיך פֿאַרזיכטיק געצלמט און שטיל געפּרעפּלט אַ תּפֿילה. זיי זענען זיך געגאַנגען זייער וועג מיט די ברייטע צעפֿלאַטערטע שוואַרצע קליידער.

דאָ, אַרום דער שטעכיקער פֿאַרצוימונג, האָבן זיך אַרומגעדרייט ווייבער, וואָס זייערע מענער האָט מען אַרויסגעריסן פֿון די בעטן. זיי האָבן זיך אַרומגעשאַרט לעבן דעם דראָט, געזוכט מיט זייערע אומגליקלעכע אויגן — צווישן די גרינע ביימער, וואָס האָבן פֿאַרשטעלט די פֿאַרהאַנגענע פֿענצטער פֿון דער גרויסער שול־געביידע — דאָס עפּידעמישע שפּיטאָל. אפֿשר, אפֿשר וועט זיך עמיצער באַווייזן און זיי עפּעס זאָגן, וואָס מען טוט דאָרט מיט זייערע נאָענטע.

פֿון שטאָט איז אָנגעקומען די עגלה. דער קבֿרות־ייִד, רב אַהרן מיט די וואַסערדיקע קאַלטע אויגן, האָט געשמועצערט צו די אויסגעקראָכענע, מאָגערע שקאַפּעס. ער האָט זיי נישט געהאַלטן ביי די לייצעס, ווייל זיי האָבן שוין געקענט דעם אויסגעטראָטענעם וועג, פֿון גיין גאַנצע טעג הין און צוריק. בײם טויער האָבן זיך די פֿערדלעך אָפּגעשטעלט. רב אַהרן האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ צו כאַפּן אַ דרימל. דער סקריפּ פֿון טויער האָט אים אָבער גלייך אויפֿגעוועקט. עטלעכע סאַניטאַרן האָבן אַרויסגעפֿירט אַ קאַסטן. די לופֿט איז מיטאַמאָל פֿול געוואָרן מיט קאַרבאָל. טשאַטעס פֿייגל האָבן זיך מיט געוויש אָפּגעריסן פֿון צווישן די געדיכטע טאָפּאָליעס און פֿאַרשוואונדן ווייט אַוועק. עס איז שווער געווען צו אָטעמען. די ווייבער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו די סאַניטאַרן, אַרומגערינגלט די עגלה.

דער קבֿרות־ייִד רב אַהרן האָט מיט צאָרן אַ שמיץ געטאָן די שקאַפּעס און זיך אַרויסגעריסן פֿון די ווייבער. קיינער האָט אים נישט באַגלייט, מחמת דער קרבן איז געווען אַ פֿרעמדער ייִד, וואָס האָט דאָ נישט געהאַט קיין קרובֿים. די ווייבער זענען ווידער געקראָכן אַרום די שטעכיקע דראָטן. שיע האָט גענומען נאָכגיין הינטער דער עגלה צוריק אין שטאָט אַריין, ווי דער פֿרעמדער ייִד וואָלט אים אָן אייגענער געווען.

די הינטער־שטאָטישע פֿעלדער זענען געווען באַוואַקסן מיט קראָפּעווע. דאָס שטעכעכץ האָט איצט געבליט מיט פֿיאָלעטענע בלומען. דאָ און דאָרט

האָבן זיך נאָך געזען לאַנגע רייען מיט אָקאָפּעס, צעבויגענע שטעכיקע דראָטן, אויפגעריסענע גריבער. אויפן באַרג נישט ווייט פון בית־עולם האָבן דיי־טשישע סאָלדאָטן אויסגעגראָבן די נישט־טיפע, אויף־גיך־געמאַכטע ברידער־קברים פון דער לעצטער שלאַכט, און געגראָבן גלייכע רייען. יעדע ריי איז געווען אויסגעשטעלט מיט הילצערנע ווייס־באַפאַרבטע צלמים. פון יענעם פעלד־באַרג, נישט ווייט פון צווינטער, האָט זיך געטראָגן אַ געשטאַנק פון פוילנדיקע מתים, אויסגעמישט מיט איבלדיקן קאַרבאָל.

ביים טראַקט, וואו עס קרייצן זיך די וועגן צו די אַרומיקע שטעט און דערפער, איז געשטאַנען אַ דייטשישע וואַך פון פעלד־זשאַנדאַרן. זיי האָבן זיך געהאַלטן הינטער די ביימער, כדי צו באַפאַלן אומגעריכט די, וואָס ברענ־גען עפּעס אין שטאָט אַריין, און דאָס צונעמען. זיי זענען געשטאַנען מיט שאַרף־אָנגעשפּיצטע אויערן, ווייל פון ערגעץ אַ זייטיקן דאָרפישן וועג האָט זיך געהערט אַ גערויש פון שווערע טרייסלנדיקע וועגענער. שיע האָט זיך אָפּגעשטעלט — ער וועט צוואַרטן צו זען, וואָס דאָ וועט ווערן. אים האָט טאַקע געוואונדערט, ווער עס קען דאָס קומען מיט אַזויפיל וועגענער. שוין אַ צייט ווי די פויערים באַווייזן זיך נישט אין שטאָט מיט קיין שפּייז, און אויב זיי האָבן אַביסל תבואה, באַהאַלטן זיי דאָס, דער דייטש זאָל דאָס נישט צונעמען.

די וועגענער זענען אַרויף אויפן גלייכן טראַקט און האָבן גענומען פאָרן רירעווודיקער. עס איז געווען אַ לאַנגע ריי וועגענער, אָנגעלאָדענע מיט תבואה־זעק. די זשאַנדאַרן זענען אַרויסגעשפּרונגען פון הינטער די ביימער. די וועגענער האָבן זיך אָפּגעשטעלט. פון לעצטן וואָגן איז אַרויסגעקראָכן דער תבואה־סוחר יודקע אַרנשטיין, אָנגעטאָן אין אַ לייוואַנטענעם וועג־כאַלאַט, מיט אַ קאַפּטער איבערן קאָפּ. ער האָט זיך אויפגעקנעפּלט דעם כאַלאַט, אויסגעגלייכט די שיינע ברוינלעכע באָרד, אַרויסגענומען אַ פּאַפּיר פון טייסטער, עס דערלאַנגט דעם הויפּט־זשאַנדאַר מיט די גאָלדיק־געלע טראָלדן אויף דער ברוסט. דער זשאַנדאַר האָט אַ קלאַפּ געטאָן איין פוס אין אַנדערן, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט צו די פורמאַנעס, אַז זיי קענען, הייסט עס, פאָרן. יודקע אַרנשטיין האָט זיך פאַרנייגט און שוין גענומען נאָכגיין פון הינטן.

לעבן דער הינטער־שטאָטישער מיל האָבן די וועגענער זיך אָפּגעשטעלט. דאָס גרויסע ציגלדיקע הויז האָט שווער געהודזשעט, די וואַלצן האָבן אימ־פּעטיק געשטויסן. פון די קליינע פענצטערלעך האָט זיך געטראָגן אַ מעליקער שטויב. די מיל האָט געאַרבעט ווי פאַר דער מלחמה, גלייך אין שטאָט וואָלט

געוועזן אַ שפע מיט ברויט. אפילו די אַלטע וואַסער־מיל, וואָס איז איבער־געבליבן פון אַמאָל, ווי אַ פליגל צו דער גרויסער מיל, האָט אויך געאַרבעט. פון הינטער דער הילצערנער מאָכיקער געביידע, האָט זיך געריסן אַ וואַסער־פאַל פון די אָפענע שלוזן, און געשוימט מיט אַ האַסטיקן גערויש.

אַרום דער מיל זענען געשטאַנען טרעגער, ברייט־פּלייצייקע יידן, אָנגע־טאָן אין צעפליקטע קליידער, מיט גראָבע שטריק פאַרגאַרטלט. קיינער פון זיי האָט זיך אָבער נישט צוגערירט צו די וועגענער. זייערע פאַרהאַרטע־וועטע פּנימער זענען געווען בלאַס פון ווייניק עסן. אַנדערע זענען געווען געל ווי נאָך אַ קראַנקהייט. יודקע אַרנשטיין איז געשטאַנען ווי געפּלעפט.

— יאָסל, יאַנקל, וואָס שטייט איר? איך פיר נישט קיין גנבשע סחורה.

— עס איז נאָך ערגער ווי גנבהשע סחורה, — האָט איינער פון די טרע־גער אויסגעשריען.

דער טרעגער יאָסל איטשע זעלנער, אַ צוויי־גאַרנדיקער ייד מיט אַ רויטלעכער אַרומגעשוירענער באָרד, ווי אַ באַרשט, געדיכט און האַרט, האָט זיך אָפּגעריסן פון דער מיל־וואַנט און געזאָגט געלאַסן:

— יודקע, מיר ווילן נישט, דו זאָלסט אַרויספירן דאָס ברויט פאַרן דייטש.

יודקע האָט צאַרנדיק פון זיך אַרונטערגעשלעפּט דעם וועג־כאַלאַט, גע־בליבן שטיין אין אַן אַלפּאַגענעם רעקל. ער האָט געשריען:

— גייטס! גייטס! עס זענען דאָ גענוג ערלים אין שטאָט, וואָס וועלן מיר קושן די הענט, כ'זאָל זיי געבן צו פאַרדינען אַ פעניג. ער וועט מיך לערנען זיין אַ בוגד במלכות!

פון מיל איז אַרויסגעקומען יודקעס ברודער, מנשה אַרנשטיין. ער איז געווען ענלעך צום ברודער, נאָר מיט אַ לאַנגער בלאַסער נאָז. יודקע האָט זיך אויסגעדרייט צום ברודער און מיט אויסגעשטרעקטע הענט זיך צו אים געווענדט.

— וואָס טוט זיך דאָ? די יידן זענען משוגע געוואָרן.

מנשה האָט אָפּגעזיפצט, פאַרלייגט רחמנותדיק דאָס קעפּל אויף אַן אַקסל.

— איין משוגענער קען אַ גאַנצע שטאָט משוגע מאַכן. עמעצער האָט אויפגעהאַנגען אַ בלעטל אין שול־גאַס ביים פּאָליש און אונז געלייגט אין חרם אַריין.

יודקע אַרנשטיין האָט אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער. ער האָט געלאַכט הויך מיט אַ געזונטן האַלז. נאָר קיינער האָט נישט מיטגעלאַכט, אַפילו נישט

זיין ברודער מנשה. יודקע איז דערפאר מיטאַמאָל שטיל געבליבן. זיין פּנים איז געוואָרן רוגזהדיק בלאָס. ער וועט זיך, הייסט עס, דאַרפן שלאָגן מיט דער גאַנצער שטאָט פונקט דאַמאָלס, ווען ער דאַרף מאַכן די גרעסטע לאָדונג מיט תבואה צו דער באַן. נאָר זיין ברודער מנשה האָט אים באַרואיקט מיט זיין קלוגן סוחרשן שמייכל.

— די באַלעבאָטים האָבן געשיקט נאָך דעם אָסטראָווצער צדיק און וואָס ער וועט פּסקענען וועלן מיר האַלטן.

יודקע האָט עס גלייך באַנומען. קיין סך תבואה איז שוין סיי־ווי נישטאָ וואו צו קויפן. דערווייל וועלן זיי קענען אָוועקשיקן די גרויסע לאָדונג. דערנאָך, וואָס מען וועט באַשטימען, וועלן זיי, ווי עס איז האַלטן. יודקע האָט דערפאר שוין זייער גוט־ברודעריש אויסגעשריען:

— כ׳באַשטיי. מיט יידן צו אַ דין־תורה, צו יעדער צייט! דערווייל, וואָס, ווען, דאַרף מען דאָך עסן, האַ? איז פון שטיין לײדיק קען מען קיין ווייב און קינדער נישט שפּייזן.

צווישן די טרעגער איז געוואָרן אַ געררודער. זיי האָבן גענומען ריידן צווישן זיך שטיל, אויב ער באַשטייט אויף אַ דין־תורה, וועלן זיי, הייסט עס, מער נישט אַרויספירן קיין מעל פון שטאָט, די אַרנשטיינס. דערווייל ביז זיי וועלן מאַכן שלום מיט דער שטאָט, פאַרוואָס טאָקע דאַרפן זיי פאַרלירן אַזאַ אַרנטלעך פאַרדינסטל?

פון די נעאָנטע הינטערגעסלעך מיט די אויסגעקרימטע הילצערנע הייזלעך האָבן זיך געזען דערנענטערן די טרעגערישע ווייבער. אויסגעדאַרטע ווייבער, מיט זויגנדיקע קינדער אויף די הענט, מיט קינדער, וואָס האָבן זיך אָנגעהאַלטן אין זייערע קויטיקע, לאַנגע קליידער. די טרעגער האָבן אָפּגעזיפצט. דער בלינדלעכער אַביש, אַ מעל־פאַרשטויבטער ייד מיט רויטע, טראַכאָמע אויגן, האָט זיך צוגערוקט צו די טרעגער, און פרום געזאָגט:

— ווער ווייסט, אפשר שטאַרבן אַזויפיל מענטשן, ווייל מען האָט אומזיסט־אומנישט געלייגט יידן אין חרם אַריין.

די טרעגער האָבן געהויבן מיט די פּלייצעס. וואָס ווייסן זיי וועגן אַזעלכע זאַכן? זיי זענען פאַמעלעך, נישט ניחהדיק, צוגעגאַנגען צו די וועגענער.

שיע האָט אַרויסגעשלעפּט דאָס האַלבע ברייטל פון קעשענע, צוגעלאָפן צו די טרעגער און אויסגעשריען:

— צוליב דעם שטאַרבט מען!

שיעס קול האָט געציטערט מיט אַ בעטנדיק געוויין. די טרעגער האָבן אים אַרומגערינגלט. ער איז געווען אַ זייעריקער, שיע. מיט פיל פון די טרעגער האָט ער זיך אָנגעקערט נאָענטע קרובהשאַפט. זיין טאַטע איז מיט יאָרן צוריק צוגעדריקט געוואָרן פון אַ פאַס נאַפט. די קרובהשע טרעגער האָבן אים, דעם יתום שיע, אויסגעהאַלטן ער זאָל ווערן אַ לייט, אַ באַלמעלאָכע. זיי האָבן איצט שיען נישט דערקענט, אַזוי אויסגעצערט און פאַרפייניקט איז ער געווען.

— וואו קומסטו דאָ אַהער, שיע? — האָבן אים די טרעגער געפרעגט.

— דיין שניידעריי טויג שוין נישט, גייסטו זיך שוין נעמען צום טאַטנס גאָלדענער פרנסה? — האָבן זיך אַנדערע געוויצלט אים אונטערצוהאַלטן.

— איך גיי פון שפיטאָל. זיי האָבן מיר אַרויסגעריסן ביילען מיט די קינדער. זיי האָבן מיך געלאָזט נאַקעט. די דייטשן וועלן זיי דאָרטן סמען.

די טרעגער האָבן אויפגעציטערט. עס האָט יעדן פון זיי אַ ברי געטאָן. ביילע איז ביי זיי געווען ווי אַ לייבלעכע שוועסטער, אויך פון טרעגערישן שטאַם. יאָסל איטשע זעלנער איז צוגעגאַנגען הארט צו יודקע אַרנשטיין און געזאָגט מיט אַ קאַלטער געלאַסענער שטימע:

— דו וועסט נישט אַרויספירן קיין מעל פון שטאָט, זאָגט מען דיר. בלוט וועט זיך גיסן. נעם דיר דאָס אינזינגען אַריין.

— יודקע בענקאַרט, מיר האָבן זייער וויניק מורא פאַר דיינע דייטשן, — האָבן אַנדערע טרעגער געביילט מיט די פויסטן.

די טרעגערישע ווייבער האָבן זיך אַריינגעריסן צווישן די מענער און גענומען שרייען מיט אַ צאַרנדיקן האַס, וואָס האָט זיך ווי סם אָנגעקליבן אין זייער וויסט אָרעם לעבן.

— בלוטזויגער, פיאַווקע. די גאַנצע שטאָט שטאַרבט פון הונגער, און דו ווילסט רייך ווערן. אַ מכה דיר אין דער קעל.

— דאָס שלינגען זאָל דיר אַזוי גרינג זיין ווי אונז איז גרינג דיין שטיקל ברויט.

מנשה אַרנשטיינס נאָז איז געוואָרן נאָך בלאַסער. פון גרויס שרעק נישט צו ווערן אַרומגעפּליקט פון די ווייבער, האָט ער זיך גערוקט הינטער־ווילעכץ, ביז ער איז פאַרשוואונדן אין מיל אַריין. יודקע אַרנשטיין איז

אַבער געווען אַ תקיף. ער האָט איבערגעלאָזט די וועגענער און גענומען אַהיימגיין צו זיין גרויס הויז אויף דער שול־גאַס. די טרעגערישע ווייבער האָבן זיך שוין גאַרנישט געקענט איינשטילן. זיי זענען אים נאָכגעלאָפן פון הינטן און געשפּיגן.

— שיינער באַלעבאָס, ברענען זאָלסטו ווי אַ קויל.

— מען זאָל נאָך דיר רייסן קריעה, ווי מען רייסט נאָך אונזערע אָרעמע קינדער.

פון די אַלע געשרייען האָט שוין יודקע פאַרלוירן זיין געלאַסנקייט. הינטער אים האָבן זיך געמערט מענטשן. די גאַנצע שטאָט באַלמעלאָכעס, וואָס מען זעט זיי קיינמאָל נישט בייטאָג אין גאַס, זענען איצט געשטאַנען ליידיקגייעריש אין אַלע ווינקעלעך. פון די פענצטער האָבן אַרויסגעקוקט מענטשן, קעפּ אויף קעפּ, צו זען, וואָס דאָ קומט פאָר. ווי אויף להכעיס האָט זיך נישט געוויזן קיין זשאַנדאַר אויף דער גאַנצער לענג פון דער ברייטער שול־גאַס.

יודקע אַרנשטיין איז שוין געלאָפן שנעל. לעבן דעם אַריינגאַנג פון זיין רויט־ציגלדיק הויז האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, זיך האַנערדיק אַ שטעל געטאָן קעגן די ווייבער, אַ געשריי געטאָן מיט אַן אויפגערעגטער שטיקנדיקער שטימע:

— וואו קריכט איר? איך בין אייך עפּעס שולדיק?

ער האָט נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער, נאָר זיך הינטערוויילעכץ אַריינגערוקט אין פעדער־הויז און צוגעהאַקט די פאַרנדיקע טיר. עמעצער האָט אַ שליידער געטאָן אַ שטיין. דער שטיין האָט געטראָפן אין אויבערשטן גאָרן. די צעבראָזגעטע שויב האָט אַ קלונג געטאָן און זיך צעשפּריצט אויף אַ סך שפּליטערן איבערן גאַס.

די מענטשן האָבן זיך צוריקגעצויגן פון הויז, ווי זיי וואָלטן זיך פלוצים דערשראָקן פאַר דעם הויז. אַנדערע זענען אַנטלאָפן אין די ווינקלען, אַריין אין די טויערן, פיר־הייזער, זיך אַרומגעקוקט צי עס גייט נישט אַמאָל אַ זשאַנדאַר. פון דעם אויבערשטן גאָרן האָט מען גאַרנישט געענטפערט, ווי גליך קיינער וואָלט איצט נישט געווען אין די געראַמע צימערן.

די גאַס איז פאַרשוויגן געוואָרן מיט אַ פאַרטייעטע שטילקייט. ערשט אין אַ ווילע שפּעטער, ווען קיינער האָט זיך נישט געריכט, אַז פון דעם רויט־ציגלדיקן הויז זאָל עמעצער אַרויסקומען, האָט זיך אויפן שוועל באַוויזן יודקעס טאָכטער, זינקע. איר פּנים איז געווען צעפלאַמט, די גאָלדיק־געקרייזלטע האָר מיט אַן עזותדיקן שויבער. זי האָט אַדורכגענומען די גאַנצע

גאַס מיט אַ שטעכיקער שנאה, וואָס איז געקומען פון אירע צענויפגעזשמורעטע אויגן, און פון אירע פאַרשפיצטע ליפּן און גאָמבע.

פון אינעווייניק אין פעדער־הויז האָט זיך געהערט דאָס געשריי פון איר פאָטער יודקע אַרנשטיין.

— זינקע, קום צוריק, זאָג איך דיר, זינקע!

זיין טאָכטער זינקע האָט אים נישט געהערט. זי האָט פאַרקנעפּלט איר לייכטן זומערדיקן מאַנטל, זיך אַוועקגעלאָזט איילנדיק איבער דער גאַס, איז אַרונטער צום מאַרק, וואו עס געפינט זיך די קרייז־קאָמאַנדע, אין דער גע־ביידע מיט די צעמענטענע קאָלומנעס, וואו עס איז אַמאָל געווען דער צאַ־רישער „פּאָוויאַט". אויף דער גאַס האָט זיך ווידער אַמאָל אַ רודער געטאָן.

— זי לויפט שוין מסרן.

— זי איז דאָרט אַ גאַנצע שמעלקע.

— מען שמועסט, אַז דעם „באַווילינג" צו אויפקויפן תבואה פאַרן דייטש, האָט דאָס שיינע טעכטערל אים געקראָגן, — האָט מען גענומען הויך רעדן אין רעדלעך.

— נישט אומזיסט, ברודערל . . . — האָבן זיך די יונגע טרעגער אי־בערגעוואונקען און נאָכגעקוקט ווי זי לויפט מיט אירע שלאַנקע פיס, ווי אַ יונג, גאַווהדיק פערדל.

ווען יודקע אַרנשטיינס טעכטערל איז פאַרשוואונדן פון דער שול־גאַס, זענען די מענטשן ווידער פאַרגליווערט געוואָרן אין שטילקייט. זיי האָבן געטראַכט מיט שווערע געמיטער, אַז קיין גוטס וועט זינקע זיי נישט טאָן אין דער קרייז־קאָמאַנדע.

אין דער גאַס איז געווען אַזוי שטיל, אַז מען האָט דייטלעך געקענט הערן דאָס געקלאָג פון די ווייבער, וואָס האָט זיך געטראָגן פון דעם הויז, וואו דער אָסטראָווצער צדיק איז איינגעשטאַנען.

דער אָסטראָווצער איז שוין פון נעכטן אָן געוועןביים שניט־הורטאָווניק מאָטל סרעבנער. צו יענעם גאָר אַלטן שטיינערנעם הויז האָבן זיך געצויגן ווייבער פון די זייטיקע געסלעך, אויסצובעטן ביים רבין אַ רפואה פאַר די קראַנקע, וואָס שטאַרבן פריצייטיק אין טיפוס־שפּיטאָל.

פון יענעם טויערדיקן פעדער־הויז האָט זיך באַוויזן דער שול־שמש רב יחיאל, אין דער שיינער עליפּאַגענער קאַפּאָטע. ער האָט זיך אויסגע־גלייכט די פּאָר שיטערע הערעלעך אויף זיין שפּיציקער גאמבע. ער האָט געשיקט זיין פעפער־שטעקן פאַראויס, און זיך נאָך אים געלאָזט איבער דער ברייט פון דער גאַס. עס איז געווען צו זען, אַז ער גייט מיט אַ וויכטיקער

שליחות. לעבן יודקעס הויז האָט זיך דער שמש אָפּגעשטעלט, באַטראַכט די אויסגעהאַקטע פענצטער, געשאָקלט מיטן קאָפּ, און זיך אַריינגערוקט אין הויז צו יודקע אַרנשטיין.

אַרויסגעקומען פון דאָרטן איז ער שוין נישט אַליין. ער האָט געפירט דעם סוחר יודקע אַרנשטיין. דער שול־שמש האָט געשטראַלט, אַ נצחונדיק שמייכעלע איז אים געלעגן איבערן פּנים. ער האָט געהאַלטן הויך אויפגעהויבן דעם קאָפּ, דער שול־שמש. זאָל זי זען, די שטאָט, אַז ער האָט כּוח אַרויסצופירן דעם סוחר אַרנשטיין. יודקע, דאקעגן, איז געווען אָנגעבלאָזן, זיין פּנים רוגזהדיק, בלאַס, פול מיט רציחה. זיינע ברוינע קאַכעדיקע אויגן האָבן געשאָסן מיט פייער. ער איז געלאָפן פאָראויס, נישט צו גיין גלייך מיטן שמש.

נאָכדעם ווי דער שמש מיט יודקען זענען פאַרשוואונדן אין דעם טויערדיקן פּעדער־הויז, האָבן זיך די טרעגער ווידער גענומען אַמפּערן.

— וואָס האָט מען עפּעס גערופן יודקע גנב.

— און מיר וואו זענען ?

אייניקע זענען צוגעשטאַנען צו שיע קראַוועץ און זיך ביי אים גענומען בעטן :

— דו ווייסט ווי צו ריידן מיט אַ רבין. דערציייל אים, גיי אַריין, לייג אים אַוועק אונזער טענה.

שיע איז געשטאַנען צווישן די טרעגער און האָט געקוקט אויף דעם עלטסטן טרעגער, יאָסל איטשע זעלנער, וואָס יענער האָט צו זאָגן. יאָסל איז געלעגן אָנגעלענט מיט אַ פּלייצע אויף דער וואַנט, זיך געקראַצט די באַרשטדיקע באָרד. עס איז געווען צו זען, אַז זיין גרויסער קאָפּ אַרבעט שווער. ענדלעך האָט זיך יאָסל אָפּגעריסן פון דער וואַנט און אויסגעשריען :

— וואָס שטייסטו ? הערסט דאָך, אַז מען וויל דו זאָלסט גיין צום רבין !

דער פרומער בלינדלעכער אַביש האָט גענומען שיען ביים אָרעם.

— ביי אים, זאָלסטו וויסן, ביים אסטראָוועצער צדיק, זענען אַלע יידן גלייך. אַז ער עסט דאָך נישט, קענען זיי אים נישט אונטערקויפן, די גבירים, פאַרשטייסט ?

שיע האָט זיך האַסטיק אָפּגעריסן פון אָרט, זיך געלאָזט אַרויף דער גאַס, צו מאָטל סרעבנערס הויז. די טרעגער און די אַנדערע באַלמעלאָכעס האָבן זיך געלאָזט נאָך אים. שיע האָט זיך יעדע ווילע אומגעקוקט, און דאָס וואָס אַזויפיל יידן זענען מיט אים מיטגעגאַנגען, האָט אים געגעבן שטאַרקייט.

ער איז אַריין אין דעם טויערדיקן הויז. ער האָט זיך דורכגעשטופּט די קלאָגעדיקע ווייבער, וואָס האָבן פול געמאַכט דעם דורכגאַנג. עס איז געווען אַ לאַנגער פּעדער־הויז, מיט שטיינערנע סקליעפּיענעס. עס איז דאָ געווען

פינצטער ווי אין בין־השמשות. אַ לאַמטערנע פון גאַר אַלטע צייטן, אַנגע־האנגען אויף אַ קייט, האָט פאַרשפּרייט טריבע שאָטנס. אויפן צווייטן גאָרן, וואו דער רבי איז איינגעשטאַנען, זענען די טירן פון דעם אריינגאַנג געווען אָפן. עס זענען דאָ געווען צעשטעלט טישלעך. ווייבער און יידן זענען גע־שטאַנען אַריבערגעבויגן לעבן די קוויטל־שרייבער און געזאָגט, וואָס מען זאָל אַריינשרייבן. די מענטשן האָבן מיט שטילע סודותדיקע שטימען ווי אריינגעווינט אין די אויערן פון די קוויטל־שרייבער, וואָס האָבן מיט פולער גלייכגילטיקייט געהערט.

דאָ אין דעם אַריינגאַנג־צימער האָט זיך, ווי אַ געפאַנגענער אין אַ שטייג, אַרומגעדרייט דער סוחר יודקע אַרנשטיין, און יעדע ווילע אומרואיק געקוקט אויף דער טיר צום רבינס צימער, מען זאָל אים שוין רופן.

שיע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק וואַרטן. ער האָט מיטאַמאָל דערפילט אַ מידקייט אין זיין לייב. אין האַרץ האָט זיך ווידער אויפגעוועקט דער פריערדיקער ווייטיק. אָט ווי לאַנג איז גאַר, אַז ער איז געווען אַ מענטש מיט מענטשן גלייך. אַצינד איז פון אַלץ געוואָרן אַ תל. דאָס האַרץ האָט אים אַזוי וויי־געטאָן, אַז ער האָט זיך צוגעהאַלטן מיט ביידע הענט ביי דער ברוסט. ווי אַזוי וועט ער קענען בעטן פאַר אַנדערע מענטשן, אַז ער איז אַזוי צעבראָכן.

אין דרויסן, אויף דער גאַס, איז מיטאַמאָל געוואָרן זייער שטיל, גלייך ווי קיינער וואָלט דאָרט שוין נישט געווען. שיע האָט זיך מיט אַמאָל אַ צאַפּלענדיקער אויפגעשטעלט. לעבן דעם לאַנגען פענצטער, מיט די דורכ־זיכטיקע גאַרדינען, איז געשטאַנען יודקע אַרנשטיין און האָט מיט גרויס אינטערעס אַרויסגעקוקט. שיע איז צוגעגאַנגען צום צווייטן פענצטער.

די מענטשן אויפן גאַס זענען ווידער געשטאַנען אַרום די ווענט פון די הייזער. יעדער אָפּגעזונדערט, ווי נישט אים מיינט מען. פון דער גאָרטן־גאַס האָט זיך געזען אָנקומען זינקע מיט דעם יונגען בלאָנד־האָריקן לייטע־נאַנט פאָן־ריינלענדער. זי איז געגאַנגען לעבן אים און האָט געקוקט אויף דער גאַס מיט אַ זיגעריש שמייכעלע. דאָס קאַלטע פאַרגליווערטע פנים פון דעם לייטענאַנט, מיט די גרינע אויגן אין דעם געפּאַסטן גראָען אוניפאָרם, האָבן ווי געדראָעט די גאַס . . .

יודקע אַרנשטיין האָט אַרונטערגעלאָזט די פאַרהאַנג. אויף זיין פנים האָט איצט געהאַט דאָס זעלבע זיגערישע שמייכעלע פון זיין טאָכטער. דאָס שמייכעלע ביי יודקען האָט אויך געהאַט באַגיטיקנדיקע צוזאָגן. עס איז ווי איר ווילט: וועט איר שלום־מאַכן, וועט ער שוין ווי עס איז איינהאַלטן זיין טעכטערל, נאָר אויב נישט, איז ווי איר ווילט. עס איז שוין נישט אין זיין

רשות. זי, זינקע, וועט זיך שוין אָפּרעכענען מיט יעדן, וואָס מישט זיך אין זייערע געשעפטן.

דער שמש האָט דערוויל געגומען רופן יודקען. ער האָט פּאַמעלעך, מיט רואיקע גבירישע טריטלעך זיך געלאָזט צום טיר. שיע איז האַסטיק נאָכגעלאָפן. דער שמש האָט אים פאַרהאַלטן.

— וואו לויפט איר, רב ייד, מען האָט אייך נישט גערופן.

— לאָזט אים, לאָזט אים, עס איז גלייכער, ער זאָל זיין דערביי. עס איז וועגן דעם זעלבן ענין. — האָט זיך יודקע אַריינגעמישט.

אינעווייניק, ביים רבין אין צימער, זענען ביידע געבליבן שטיין ווי צוגעפרוירן לעבן דער פאַרמאַכטער טיר. יודקע האָט זיך איינגעהאַלטן, ער זאָל נישט צו־הויך אָטעמען. אַ פּאַרכטיקע שטילקייט האָט דאָ געהערשט אין צימער, ווי אויפן בית־עולם אין אוהל, וואו עס רוען די צדיקים. אויפן טיש, לעבן די אָפּגעריסענע לעדערנע ספרים זענען געלעגן בערגלעך מיט קוויטלעך. נישט־ווייט פון טיש איז געזעסן דער רבי אויף אַ ווייכער שטול. זיין געלבלעך אויסגעמאַטערט פנים פון פיל תעניתים, האָט זיך נישט באַוועגט. די גראָלעכע, אָפּגעקראָכענע באָרד, איז געלעגן צוקנייטשט אַרויף צום מויל. בלויז די אויגן, מידע, תמימותדיקע, האָבן באַטראַכט די צוויי יידן. ער איז געווען איינגעהילט אין פאַרעלטערטע סאַטינדעלאַנענע קאַפּאָטעס. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן, טיף אַריבער די אויערן און שטערן, אַ גרויס שטריימל. זיינע פיס זענען געווען אַרומגעוויקלט מיט וואַרעמע קאָלדרעס, כאָטש אינדרויסן איז געווען אינמיטן זומער.

— שלום עליכם, יידן, — האָט ער שטיל געזאָגט, און אויסגעשטרעקט פריער די האַנט צו שיען. עס איז געווען אַ דאַרע, ווייכע האַנט, אָן אַביסל בלוט.

— איידער מען גייט האָבן אַ דין־תורה, דאַרף אַ ייד האָבן אַ רך־לב, אַ ווייך האַרץ, און אַ ווייך האַרץ קען מען נאָר האָבן, ווען מען טוט תשובה. דעריבער האָב איך גוזר געווען, אַז די גאַנצע עדה זאָל זאָגן תהילים.

יודקע אַרנשטיין האָט זיך אויסגעבויגן צום רבין, און מיט אַ געבראָכן קול געזאָגט:

— איך בין גרייט צו טאָן אַלץ, וואָס איר וועט מיר הייסן, רבי.

דעם אסטראָווצערס פּנים האָט אויפגעלויכטן.

— אָן שלום קען די וועלט נישט האָבן קיין תקומה. דעריבער גייט־זשע, זייט מוחל, צוזאַמען פון דאַנען זאָגן תהילים. די שטאָט זאָל זען, אַז איר מאַכט שלום.

דער רבי האָט פון גרויס מידקייט אַרונטערגעלאָזט די וויעס מיט די גערדיכטע גראָע ברעמען. יודקע האָט שווער אָפּגעזיפצט, געוואָרפן אַ צאָרנדיקן בליק צו שיען, און זיך אַרויסגעלאָזט פון צימער.

שיע איז נאָך געשטאַנען פאַרטייעט. ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, ווי שווער עס לעבן די אָרעמעלייט, אַז מען נעמט צו פון זיי דעם ביסן פון מויל. ער האָט שוין אויך געוואָלט דערמאָנען וועגן זיין אומגליק, נאָר דער רבי האָט נישט אויפגעהויבן די אויגן. זיין פּנים איז געוואָרן בלאַסער, דאָס מויל ביי אים — אַביסעלע געעפנט. ער האָט קוים געדעכעט, דער רבי. שיע האָט זיך גערוקט הינטערווייליכצו אַרויס פון צימער.

אינדרויסן, אין פאָדער־צימער, איז שוין איצט קיינער נישט געווען. בלויז די קוויטל־שרייבער האָבן געגעניצט. דאָס לאַנגע פעדער־הויז איז אויך געווען אויסגעליידיקט. בלויז ער, יודקע אָרנשטיין, האָט געוואַרט אויף שיען.

די צוויי יידן האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויף דער גאַס, ווי צוויי ברוגזע מחותנים, וואָס האָבן זיך זייער פיינט, נאָר מוזן גיין צוזאַמען. די טרעגער און די באַלמעלאָכעס האָבן זיך פאַרפינצטערטע איבערגעקוקט, צי מען האָט דאָ נישט אַמאָל שיען אויסגענאַרט. זיי האָבן זיך אָפּגעריסן פון די ווענט ביי די מויערן און גענומען נאָכגיין. עלטערע, פרומע קרעמער, האָבן פאַרמאַכט זייערע קראָמען און זיך געלאָזט אַרונטער דער גאַס, צום בית־המדרש הגדול.

דאָס גרויסע בית־מדרש איז שוין איבערגעפּאַקט. דאָס הייזעריקע קול פון ישראל חזן האָט אַרויסגעוויינט פון דורך די אָפענע פענצטער. אינדרויסן, לעבן די פענצטער, זענען געשטאַנען ווייבער צונויפגעקוקפּעט מיט פאַרהילטע קעפּ, געווישט די נעזער, די פאַרוויינטע פנימער, און נאָכגעזאָגט דעם חזן מיט שטילע, פרומע, פרעפּלנדיקע ליפּן.

זיי זענען אַריין אין בית־מדרש. שיע האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן דעם שניידער־טיש, און יודקע האָט אַוועקגעשפּאַנט מיט גאַוהדיקע טריטעלעך צו דער מזרח־וואַנט, צו זיין שטענדער, וואָס קיינער האָט נישט געטאָרט פאַרנעמען.

די עלטערע באַלמעלאָכעס, די שטענדיקע תהילים־זאָגער, האָבן מיט זייערע רויע שטימען געזאָגט דעם תהילים פון אויסווייניק, אַנדערע האָבן אַריינגעקוקט אין די סידורים, און מיט האַרטע פינגער געשאַרט איבער דער שווערער עברי.

שיע איז געווען צעטומלט. די שווערע איבערלעבונגען פון אַ גאַנצן טאָג זענען דורכגעגאַנגען פאַר זיינע אויגן. ער האָט געזען ווי זיין ווייב,

ביילע, מיט די פּאַרפּייניקטע יינגלעך רייסן זיך דאָרט אין שפּיטאָל פון די הענט פון די סאַניטאַרן צו אים.

— „טאַטע, טאַטע, איך וויל מיט זיי נישט גיין" — שרייען די יינגלעך. ער האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף די אויגן, און זיך וויינענדיק געגומען וויגן. טרערן האָבן פאַרנעצט זיין האַנט, אַרונטערגערונען אין האַלז אַריין.

— אַ, גאַטעניו, העלף מיר, העלף מיר, — האָט שיע געבעטן אין דער שטיל.

אַרום אים האָבן די תהילים־זאָגער אויפגעהויבן אַ רעש. די יידן ביים מזרח־וואַנט האָבן זיך געוואָרפן ביי די שטענדערס, געהויבן די הענט צום הימל און געקלאַגט מיט הייזעריקע קולות. שיע האָט נישט פאַרשטאַנען די רייד פון תהילים. עס האָט זיך געריסן פון זיין אינעווייד זיין אייגענער געוויין. זיין גאַנצער קערפּער האָט געציטערט. ער האָט געכליפּעט פריי. אַלע שלוזן האָבן זיך ביי אים געעפנט. זיין גאַנץ פאַרפּייניקט לעבן האָט פון אים אַרויסגעשלוכצעט. ער האָט באַוויינט זיין אומגליקלעך לעבן, וואָס ציט זיך שוין אַזוי פון קינדוויז אָן. אָבער מיטאַמאָל האָט שיע עפּעס דער־זען. זיין געוויין איז מיטאַמאָל פאַרטייעט געוואָרן אין האַלז. דאָרט, ביים מזרח־וואַנט נישט־ווייט פון חזן, איז יודקעס שטענדער געשטאַנען ליידיק. ער האָט אים גענומען זוכן. יודקע איז אין ערגעץ נישט געווען. דאָס האַרץ האָט ביי שיען גענומען צאַרנדיק קלאַפּן. ער האָט פאַרביסן מיט די ציין. וואו איז געווען זיין שניידערישער קאָפּ. ער האָט אים געדאַרפט היטן, נישט זיך צעכליפּן ווי אַ נאַרישע יידענע. די טרעגער, די באַלמעלאָכעס האָבן זיך פאַרלאָזט אויף אים. איצט האָט ער זיך אַרויסגעדרייט, יודקע אַרנשטיין, און פירט מסתמא אַוועק די תבואה ווי לאַנג די שטאָט־יידן זענען פאַרטאָן אין תהילים.

שיע האָט זיך האַסטיק געלאָזט צו דער טיר. ער האָט זיך געשטופּט צווישן די ענג־צעגנויפגעפּאַקטע יידן. די ברייטע שול־גאַס איז געווען אויס־ליידיקט און שיע האָט אומגעשטערט געקענט לויפן אַרונטער צו דער באַן־גאַס, וואו עס האָבן זיך געפונען אַרנשטיינס שפּייכלער און די מילן. נאָענט פון דער באַן־גאַס האָט זיך שוין שיע גענומען רוקן ביי די ווענט פאַר די מויערן, קיינער זאָל אים נישט באַמערקן פון די אַרנשטיינס. עס האָט זיך שוין געהערט דאָס שאַרגען פון די שלוזן, ביי דער וואַסער־מיל, דאָס זשומען פון דער עלעקטרישער מיל. יעדע ווילע האָבן די וואַלצן אַ שטויס געטאָן דעם שטילן אַרום, און ווידער דאָס רעגלמעסיקע זשומעריי פון די מילן.

שיע האָט זיך נישט געהאַט אָפּגענאַרט. לעבן דער מיל זענען גע־שטאַנען גרויסע פּלאַטפאָרמעס, איינגעשפּאַנט מיט צוויי פּאָר פערד. פון

דער מיל האָבן גויאישע טרעגער געטראָגן זעק אויף די פּלייצעס, אָנגעלייגט גאַנצע הויפנס אויף די פּלאַטפאָרמעס. יודקע אָרנשטיין, מיט זיין ברודער מנשה, זענען דאָרט אַרומגעלאָפן ווי צעדולטע פון דער מיל צו די פּלאַט־פאָרמעס און צוריק. יודקע האָט יעדע ווילע פאַרלייגט אַ האַנט איבערן שטערן, ווי אַ דאַשיק, און אַרויסגעקוקט פון דער באַן־גאַס, צי עמעצער קומט נישט אָן.

שיע האָט פאַרקריצט מיט די ציין. ער האָט גענומען צוריקלויפן. איבער דער שטילער גאַס האָט זיך געטראָגן דאָס טרויעריקע געוויין פון די תהילים־יידן. שיע האָט זיך האַסטיק אַ ריס־געטאָן צום פעדער־הויז, זיך געשטופּט צווישן דעם געדרענג. ער איז צוגעלאָפן צום באַלעמער. ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט די פויסטן איבערן באַלעמער. דער רעש פון די תהילים־זאָגער האָט זיך מיטאַמאָל איבערגעהאַקט. אַלע האָבן זיך אויס־געדרייט מיט די פּנימער צום באַלעמער.

— מ׳וועט נישט זאָגן קיין תהילים. יודקע פירט אַוועק די תבואה. יודקע פירט אונז אין באָד אַריין.

יחיאל, דער שול־שמש, האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום באַלעמער. די יידן פון דער מזרח־וואַנט האָבן גענומען שרייען:

— וואַרפט אים אַרויס, דעם עזותניק.

— אַ חילול השם.

— שיע שגץ וועט נישט פירן קהל ביים קאָפּ.

שיע האָט קיינעם נישט געהערט. ער האָט געקלאַפּט מיט דעם אויס־געבעטענעם האַלץ, באַצויגן מיט לעדער. פון הוילן באַלעמער האָט זיך גע־הערט אַן אָפּהילך, ווי פון אַ פּויק. ער האָט גענומען טייטלען מיט דער האַנט, שיע.

— זעט, ער איז נישטאָ, יודקע! ער האָט זיך ווי אַ גנב אַרויסגערוקט. איך בין דאָרט געווען, ער פירט אַרויס דאָס שטיקל ברויט.

אַלע האָבן זיך אויסגעדרייט צום מזרח־וואַנט און געזען דעם ליידיקן שטענדער.

האָרט ביי דער טיר, ביים טרעגערישן טיש, האָט זיך געהערט דאָס טרוקענע קול פון יאָסל־איטשע זעלנער.

— קומט, ברידער, אַלע, אַז אַ רוח זאָל קומען אין יודקעס טרייפענעם געביין.

שיע איז געלאָפן צו דער טיר. די טרעגער און די באַלמלאָכעס האָבן זיך אַ ריס געטאָן נאָך אים ווי אַ שטורעם. איינער האָט געטראָגן דעם אַנדערן און אויסגעליידיקט דאָס בית־מדרש.

זיי זענען געלאָפן איבער דער גאַס מיט אַ געוואַי אַ געברום אַרונטער צו דער באַן־גאַס. יודקע איז געשטאַנען לעבן די פלאַטפאָרמעס. ער האָט ווי פריער אַרויפגעלייגט די האַנט איבערן שטערן, און נישט־לאַנג געקוקט. ער האָט אַ געשריי געטאָן צו די פורמאַנעס. די בעל־עגלות זענען אַרויף אויף די געזעסן, גענומען שמייסן די פערד מיט אַזאַ געסווישטש, אַז די פערד האָבן זיך פון שרעק אַזש געשטעלט דובאָם אויף די הינטערשטע פיס.

פון אַלע גאַסן און געסלעך זענען איצט געלאָפן מענטשן, קינד און קייט. יודקע מיט זיין ברודער האָבן זיך אַזוי דערשראָקן, אַז זיי זענען אַריין אין דער מיל און פאַרהאַקט די טירן.

דער המון האָט זיך רציחהדיק אַ לאָז געטאָן צו די פלאַטפאָרמעס. שוסטער און אַנדערע וואוילע יונגען האָבן אַרויסגעצויגן מעסערס פון די טאַשן, כאַלעוועס און געשניטן איבער די זעק. אַנדערע זענען אַרויף אויף די פלאַטפאָרמעס, געשליידערט גאַנצע זעק גלייך אַרונטער צו די צע־שוימטע וואַסער שלוזן. דאָס ווייסע מעל האָט זיך פון די צעפליקטע זעק, ווינטלדיק אַ הייב געטאָן, זיך צעווייעט מיט אַ ווייסן, שטויביקן רויך. מען האָט שוין מער נישט געזען קיין פנימער. אָרעמע ווייבער האָבן זיך אָנ־געלייגט פולע פאַרטעכער, טיבער מיט ווייס־מעל, און ווי ווינטן זיך אַפּגע־טראָגן אַהיים צו פאַרבאָרגן דאָס ביסל מעל. די טרעגער האָבן איבערגעקערט די פלאַטפאָרמעס, געשלאָגן די פורמאַנעס מיט די אויסגעליידיקטע מעליקע זעק איבער די אויגן, קעפּ. די פערד האָבן געהירזשעט און פאַרטויבט דאָס פּייפעריי פון די דייטשישע זשאַנדאַרן, וואָס זענען דאָ אַהער געלאָפן פון דער קרייז־קאָמאַנדע.

1941

אַן אַלט הויז

די אַלטע, איינזאַמע לערערין, נעמי שערעדער, איז געזעסן ביים נאַקעטן פענצטער פון איר צימער און האָט מיט פאַרטריבטע אויגן געקוקט דורך די טרערנדיקע שויבן צו דער גאַס.

אין דרויסן איז אָן אויפהער געפאַלן אַ שיטערער האַרבסטיקער רעגן. דער פאַרוואָלקנטער הימל האָט שווער, נעפּלדיק געהויערט איבער די פאַר־וואָרלאָזטע הייזער, איבער דער באַרגיקער „לעיקהיל“ גאַס. פון דער באַרגי־קער געגנט האָט ס'וואַסער דאָ אַהערגעפּלייצט, זיך געריסן פון די רינ־שטאָקן איבער דער גאַנצער ברייט פון גאַס.

דאָס קעגנאיבערדיקע גרויסע ווילע־הויז מיט אַ סך פליגל אויסגע־שפּרייט, מיט אַ פאַרקנדל אַרומגעצוימט, איז שוין געשטאַנען אַרומגערינגלט ווי אַ פאַרלאָזן אינזעלע. דאָס הויז איז געשטאַנען ליידיק, די פענצטער מיט ברעטער פאַרקלאַפּט, בלויז אויף איין פענצטער האָט געהאַנגען אַ בלעכל מיט רויטע אותיות:

„פאָר סעיל, דזשענעראַל טראַסט קאָמפּאַני“.

נעמי שערעדער רייסט אַוועק די אויגן פון דעם דאָזיקן בלעכל. פאַרוואָס האָבן זיי, די פאַרשאָלטענע, דווקא אַנטקעגן איר פענצטער אויפגעהאַנגען דאָס בלעכל? אומעטום, וואו זי גייט אויף דער גאַס, אויף אַ סך אַנדערע גאַסן שטעכן איר די ווערטער:

„פאָר רענט, פאָר סעיל, דזשענעראַל טראַסט קאָמפּאַני“.

נישט בלויז זי, נעמי שערעדער, האָבן זיי באַרויבט. אַנטקעגנאיבער אין דעם ווילע־הויז האָבן געוואוינט אירע ווייטע קרובים, די פאַמיליע מייערס, די חשובסטע מענטשן אין דער רעפאָרם־שול, וואָס זיי האָבן אויס־געהאַלטן. שטיל האָבן זיי אָפּגעטראָטן זייער הויז, וואו זיי האָבן אָפּגעלעבט פופציק יאָר, שטיל אַוועק וואוינען אויף דער עלטער צו אַ זון. אָבער וואו האָט זי, נעמי שערעדער, צו גיין אויף דער עלטער? אויך אויף איר ירושה־הויז הענגט אַ בלעכל פון דער „דזשענעראַל טראַסט קאָמפּאַני“. זי וועט אָבער פון דאַנען נישט אַוועקגיין. זי וועט טאָן אַלץ אין דער וועלט, אַז זיי

זאַלן פון דעם הויז קיין געלט נישט מאַכן. ווי האָבן זיי אַ האַרץ אַריינצולאָזן מענטשן און ביי איר גאָרנישט פרעגן. זי וועט זיך נאָך לאָדענען מיט זיי אין געריכט. עס איז נאָך נישט הפקר די וועלט. די גאַנצע געגנט ווייסט, אַז איר פאָטער, דאָקטאָר שערעדער, האָט זיין לעבן דאָ אַריינגעלייגט אין דעם הויז.

זייער גליק וואָס אין דרויסן רעגנט, ווען נישט וואָלט זי, ווי אין אַלע טעג, געזעסן אונטן. אַז עמעצער וואָלט דאָ אַהערגעקומען, וואָלט זי זיי געזאָגט, אַז דאָס הויז איז אינגאַנצן נישט צום פאַרדינגען. פון פענצטער וועט זי אָבער נישט אַוועקגיין, טאָמער געפינט זיך פאָרט אַזאַ נאַר און קומט אין אַזאַ רעגנדיקן טאָג אָנקוקן די צימערן. אָט האָט זי לעצטנס געמאַכט אַ פאַרזען: צוויי יאָר איז דאָס הויז געשטאַנען ליידיק און איצט איז גע־קומען אַן אויסכאַפּעניש. דאָס איז געשען, ווען זי איז אַרומגעלאָפן צו לאַיערס, אפשר קענען זיי פאָרט עפּעס טאָן צוריקצונעמען איר הויז פון די גזלנים, די „דזשענעראַל טראַסט קאָמפּאַני״.

עס האָבן זיך דאָ אַריינגעצויגן מענטשן, וועמען זי האָט גראַד געוואָלט צו זען. אָט אויפן זעלביקן גאָרן וואוינט מיסטער עוואַנס. דאָס איז אַ זייער בכבודיקער זקן, אַ ניו־ענגלענדער. צוליב אים האַלט זי ס׳רוב האַלב־געעפנט די טיר, זי האָט זייער ליב צו זען זיין הויכע, אַ ביסל געבויגענע פיגור, מיט די שיינע זילבערנע האָר אויפן קאָפּ. ער הוסט דאָרט איצטער, זי הערט זיך איין. עס איז אַ פּאַרטויבט הוסטן, וואָס קומט פון בעט אַרויס. אַן עלנטער מענטש, נעבעך. נעמי שערעדער איז שוין געווען ביי אים אין צימער. אויף די ווענט הענגען פּאָרטרעטן פון זיינע קינדער. הויכע גע־שטאַלטנע מענער אין אַפּיצערישע מונדירן. צוויי זענען אומגעקומען אין מלחמה. איינער אויפן ים. דער צווייטער אין פראַנקרייך. דער דריטער וואוינט אין דער וועסט, פון וואַנען עס קומען דאָ אַהער פּעקלעך זאַכן מיט דער פּאָסט.

צו אים, מר. עוואַנס, וואָלט זי איצט שטאַרק געוואָלט אַריינגיין, זיצן מיט אים אין זיין שטוב, דערציילן אים, ווי וויט שלעכט די וועלט איז געוואָרן, קוקן אויף זיינע זילבערנע ברעמען מיט די שעמעוודיקע אַראָפּגע־לאָזטע אויגן.

נעמי שערעדער הייבט זיך אויף. די צוויי גרויסע קעץ, בייכיקע, מיט געלבלעכע גלאַנציקע האָר, וואָס זענען געלעגן לעבן אירע פיס, הויבן זיך אויך אויף. זיי צעגענעצן זיך, רייסן אויף די פּיסקלעך ווי קליינע טיגערלעך, וויזן די שפּיציקע ציינער און באַלעקן זיך פויל די וואָנסעס.

זיי קריכן נאָך דער באַלעבאָסטע צום פאָדער־הויז. נעמי מאַכט זיך גלייך די אָפּגעבלאָקעוועטע גרוילעכע האָר, פאַרדעקט די גאָר גרויע פּאַסן, וואָס ליגן צווישן שרינט. איר האַרץ קלאַפּט: וואָס פאַר אַ תירוץ קען זי האָבן אַריינצוגיין צו מיסטער עוואַנס?

פון דרויסן הערט זיך מיטאַמאָל ווי אַ שווערער אויטאָ איז צוגעפאָרן צום הויז. דער אויטאָ האָט געזאָטן, און ווי צום טאַקט האָט זיך דאָס גאַנצע הויז מיטגעטרייסלט. נעמי שערעדער איז צוריק אַריין אין איר צימער און צוגעלאָפן צום פענצטער. זי האָט אָפּגעווישט מיט די פינגער די פאַר־פאַרעטע ריטשקעס.

אונטן פאַרן הויז איז געשטאַנען אַ גרויסער לאַסט־אויטאָ, באַדעקט מיט אַ ברוינעם לייוונט. פון דעם אויטאָ איז אַרויסגעקומען אַ הויכער מאַן אָנגעטאָן אין אַ לעדערנעם רעקל. ער איז גיך צוגעשפּרונגען צו דער צווייטער טיר פון דעם אויטאָ און האָט אַרויסגעפירט אַ נידעריקע פרוי. די פרוי האָט געהאַלטן פאַרוויקלט אין אַ העלער קאָלדרע אַ גרויס קינד, אַזש זי האָט פון שווערקייט זיך איינגעבויגן. דער מאַן האָט דאָס קינד אונטערגעכאַפּט און אַריין אין הויז. נעמי האָט זי אַזוי גיך נישט צוריק געזען. זי האָט בלויז געהערט אַ רייסנדיק, קינדיש געוויין און אַ בעטנדיק ניאַנטשען פון דער מוטער. דאָס געוויין איז געקומען פון אונטן, פון דאָרט וואו עס איז געווען איר פאָטערס וואוינונג, איר היים, וואו מען האָט זי נאָכן צונעמען דאָס הויז מער נישט אַריינגעלאָזט. הייסט עס, שוין די לעצטע וואוינונג פאַרדונגען.

נעמיס גאַנצער קערפּער ציטערט פון אויפרעגונג. זי האָט גיך גענומען זוכן צווישן אירע קליידער דעם שיינעם טוכענעם מאַנטל. זי מוז אַראָפּגיין, אפשר מאַכט זי גאָר אַ טעות, אפשר האָבן זיי, די „דזשענעראַל טראַסט״, נישט געוואַגט צו פאַרטאַכלעווען איר פאָטערס שטוב. זי האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן צום פענצטער. דער מאַן האָט שוין אַרויסגעצויגן פון מאַשין אַ מאַטראַץ. נעמי האָט געעפנט דאָס פענצטער. אַ קאַלטער ווינט האָט אַ ווייע געטאָן און צעשויבערט אירע האָר. פון איר מויל האָט זיך פּלוצים אַרויסגעריסן עפּעס אַ זייער אומגעלומפּערטע פראַגע:

— מיסטער, האָסט געערענט ביי דער „דזשענעראַל טראַסט״?

דער מאַן מיט אַ דאַר לענגלעך פּנים האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ אַרויף, לאַנג געקוקט אויף אירע צעשויבערטע האָר.

— יעס, מאַדאַם, ביי דער „טראַסט״. ביי וועמען דען, מאַדאַם?

— צ'אַלראַיט, מיסטער, — האָט זיך ביי איר אַרויסגעריסן. זי האָט פאַרשעמט אַריינגעכאַפּט דעם קאָפּ און פאַרהאַקט דאָס פענצטער. צו וואָס

האָט זי איינגאַנצן געפרעגט אַזאַ נאַרישע פראַגע? זי האָט זיך גענומען גלייכמאַכן די האָר. ער מיינט דאָרט, אַז זי איז משוגע.

דער מאַן אונטן האָט דאָרט עטלעכע מאָל געהויבן מיט דער פּלייצע, נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר, און צום סוף ווידער גענומען שלעפּן זיינע שטוב־זאַכן.

נעמי האָט פאַרשפּאַרט די נאָכקריכנדיקע ווייַנענדיקע קעץ און אַליין האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט מיט די טרעפּ.

דער אויטאָ האָט שוין מער נישט געזאָטן. אָבער דאָס הויז האָט זיך עפּעס ווי געוויגט פון יעדן טריט, וואָס זי האָט געשטעלט. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט. דאכט זיך, זי איז נישט אַזאַ שווערע. ווי עס ווייזט אויס, דאַרף מען דאָס הויז שוין פאַרריכטן. זיי אַרט עס נישט דאָרט, דער „דזשע־נעראַל טראַסט", אַבי זיי פּאַקן דאָס אָן מיט מענטשן און קריגן דירה־געלט. ווער ווייסט, אפשר איז שוין דער פונדאַמענט אונטערגעפוילט. שיין וואָלט געווען, אַז דאָס הויז זאָל אינגאַנצן איינפאַלן. מיר נישט, אייך נישט, קיינער זאָל נישט האָבן! באַלד גיט זי אַ ציטער: און די מענטשן? אַ, גאָטעניו, וואָס איר קען איינפאַלן. ווען דאָס הויז וואָלט געשטאַנען ליידיק, וואָלט איר נישט געאַרט. זי וואָלט זיך אויסגעבעט דאָס בעט, אַנגעטאָן אַ לאַנג ווייס העמד און זאָל זי פאַרשאָטן ווערן צוזאַמען. איר לעבן איז סיי ווי סיי געווען אַ נישט איינגעגעבן לעבן. אָבער פרעמדע מענטשן, פאַמיליעס, אויס־געמאַטערטע פרויען?

אונטן האָט זי נאָך געטראָפן דעם מאַן שווער אַרבעטן. ער האָט גע־טראָגן שאַפעס, טישן, בענקלעך. אַ שווייס האָט אים אַרויסגעזעצט אויפן דאַרן, געאָדערטן פּנים. דאָס ווייבל מיט אַ דראָבנע קינדיש פּנימל, מיט פלאַכע ברוינע האָר אויף איר קליינעם קעפל, איז געזעסן אויפן מאַטראַץ, געהאַלטן דאָס קינד צוגעטוליעט צו זיך. דאָס בלאַסע קינד מיט דער מוטער האָבן ביידע פון מידקייט געהאַלטן צוגעמאַכט די אויגן.

דאָס דראָבנע ווייבל האָט דערפילט, אַז עמעצער איז אַריינגעקומען. זי האָט דערשראָקן געעפנט אַ פּאָר מידע אויגן.

— ווילקאָמען, קומט אַריין, אַ שכנה געוויס.

נעמי האָט איצט ווידער געהאַט אַ געלעגנהייט צו באַטראַכטן איר טאַטנס שטוב.

— איך האָב דאָ געוואוינט. איך וועל אייך ווייזן יעדעס ווינקעלע דאָ, האָט נעמי געזאָגט מיט אַ ציטערדיקער שטימע.

נעמי האָט זיך אָוועקגעשטעלט לעבן קאַמין. אויף דער פאַרשטויבטער קופּערנער ראַם איז געווען אויסגעקריצט אין גאָטישער שריפט די איניציאַלן

פון איר פאַטערס נאָמען. פון דעם צימער האָט עס געפירט צום הינטערשטן אַרויסגאַנג, צום זון־צימער און הינטערשטער וועראַנדע, וואו עס זענען גע־שטאַנען עטלעכע איינזאַמע, אויסגעווייקטע, נאַקעטע ביימער.

דאָס האַרץ האָט ביי נעמי שערעדער געקלאַפּט: זי האָט זיך אַזש געמוזט צוהאַלטן מיט ביידע הענט ביי דער ברוסט. זי האָט געשמייכלט צו דער פרוי: אַבי עס האָבן זיך אַריינגעצויגן וואוילע מענטשן. וואָס זענען זיי שולדיק אין איר אומגליק? מען האָט איר דאָ פיין אויפגענומען. ווי זי זעט שוין וועט זי דאָ קענען אַריינקומען און זיך דערמאָנען די טעג, ווען זי האָט דאָ געוואוינט מיט איר טאַטן, דאָקטאָר שערעדער.

דער דאַרער מאַן האָט אַריינגעבראַכט די לעצטע קושעטקע, זיך אָפּגע־ווישט דעם שטערן מיט אַן אַרבל און אַרויסגעשלעפּט דעם זייגער פון וועסטל־קעשענע.

— אָ, גאָש, איך מוז לויפן, ליל. מאַך דיר באַקוועם. איך וועל זיין אינדערפרי. זאָרג זיך נישט, קליינע.

ער האָט אויף גיך אַרומגענומען ווייב און קינד, אַ קוש געטאָן דאָס בלייכע קינדערשע פנימל און אַרויס. דער לאַסט־אויטאָ האָט זיך ווידער צעזאָטן, געציטערט מיטן גאַנצן הויז, אַז איר, נעמין, האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס גאַנצע הויז פאַלט איין. דאָס יונגע ווייבל האָט זיך אויך איינגעהערט, זיך אָפּגעריסן פון מאַטראַץ און צוגעלאָפן מיטן קינד צום פענצטער. זי האָט געזען ווי דער לאַסט־אויטאָ האָט זיך אָפּגעריסן פון אָרט. זי האָט גע־נומען רופן:

— ביל! אָ, ביל! עפּעס געשעט מיט דעם הויז. קום צוריק, ביל!

דער אויטאָ איז פאַרשוואונדן. זי האָט זיך מאַכטלאָז אַראָפּגעלאָזט אויף דעם מאַטראַץ. דאָס הויז איז ווידער געשטאַנען פעסט. די פרוי האָט אַ שמייכל געטאָן.

— איך בין נערוועז, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דאָס הויז פאַלט איין.

— מיר אויכעט. ס'דאַרף אָבער זיין אַ גוטער פונדאַמענט. אַן איב־זשענער האָט דאָס געזאָגט מיין גאָטזעליקן פאָטער מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק, — האָט נעמי געזאָגט צו באַרואיקן די דערשראָקענע פרוי. אָבער אַליין איז זי טאַקע געווען שטאַרק באַאומרואיקט. זי וואָלט געדאַרפט אַ קוק טאָן צום קעלער.

נעמי האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער לינקער זייט, צום קעלער, ווי אַמאָל, ווען זי איז דאָ געווען באַלעבאָסטע.

ביי די ערשטע טריט, נאָך פאַר די טרעפּ, בלייבט זי שטיין. זי הערט אַ פלוכקען פון לויפנדיקן וואַסער. שיטערע ליכט פון די קליינע פענצטער־

לעך פֿאַלן אין קעלער אַריין ווי אין אַ שמוציקער, צעפּלייצטער לוזשע. דאָס וואַסער כוואַליעט זיך, בלעזלט זיך, ווי עס וואָלט איינגעזאַפּט און געשלונגען פֿון דרויסן נייע שטראָמען.

נעמי שטייט ווי פֿאַרגליווערט. די פֿרוי קומט אויך צו. באַלד הערט זי פֿון דער פֿרוי אַ מוראדיק קוויטשן, לויפֿט צום מאַטראַץ, כאַפּט דאָס קינד, לויפֿט צו דער טיר און שרייט מיט דערשראָקענע קולות:

— ביל, אָ, ביל, איך וויל דאָ נישט זיין. וואו, צום טייוול, בין איך דאָ אַריין?

פֿון אַלע גאַרנס האָט מען שוין גענומען אַראָפּלויפֿן. די ערשטע זענען אָנגעקומען די אירישע, מיסטער פּאַרלי מיט זיין קוזינע,ביידע שוין עלטערע מענטשן מיט פֿאַרשרומפּענע פּני־מער. מיס פּאַרלי האָט געהאַט אַ מאָס אויפֿן אַקסל. זי האָט עפּעס געהאַלטן אין נייען. זייער קליין מאָפּסן־הינטל האָט זיך געלאָזט צום קעלער און מיט געוואָי זיך צוריקגעקערט.

עס זענען אַרויסגעקומען עטלעכע ווייבער פֿון די אויטאָ־טרייבער, וואָס וואוינען אויפֿן צווייטן גאָרן. נעמי וויל נישט פֿאַרלירן קיין צייט. עפּעס מוז מען טאָן. די „דזשענעראַל טראָסט קאָמפּאַני” לאָזט אַהין אַריין מענטשן, וועט זי זיי זאָגן. זי וועט גלייך אַראָפּגיין צו זיי, הייסן אָפּליידיקן ס'הויז. איר, נעמי שערעדער, וועט מען נישט פֿאַררײדן מיט לאָירישע דריידלעך. זי ווענדט זיך צו די שכנים:

— איר זעט, איך האָב געבעטן, ציט זיך דאָ נישט אַריין.

זי זעט אָבער, אַז די שכנים קוקן אויף איר מיט נישט קיין פֿרייגטלעכע פּנימער. אַלע דרייען אָוועק די קעפּ. איינע פֿון די שכנות, אַן אַלטע, דאַרע פֿרוי, בייזערט זיך אויף איר שוין אָן אַ ברעקעלע דרך־ארץ.

— וואָס, צום טייוול, האָסטו איבערגעשראָקן די קינדער?

וואָס קען זי מאַכן, אַז מענטשן זענען נישט זייער אומגליק. בלויז דעם אַלטן עוואַנס וועט זי בעטן, ער זאָל זיך אַנטאָן און אַוועק. זי לאָזט זיך אַרויפֿגיין.

דער געזעמל מיט שכנים, וואָס פֿריער זענען זיי געווען שטאַרק אָפּגע־זונדערט, ווערן איינס, מען רעדט שוין ווי איין משפּחה.

— דאָ אין הויז איז נישט אַזאַ „פּלעזשור” צו וואוינען, אָבער פֿון דעם וואָס עס רינט אַריין וואַסער, פֿאַלט נאָך קיין הויז נישט איין, — זאָגט מיס פּאַרלי די נייטאָרין מיט גרויס געניטקייט.

— שור, עפּעס איז דער מער מיט דער פֿרוי, — נעמט די צווייטע פֿרוי, וואָס האָט זיך פֿריער געבייזערט, דרייען מיט אַ פֿינגער ביי דער שלייף.

— צעמישט, אַ „טאַטש” אויף די געהירן.

— מיר האָט זי געזאָגט, אַז דאָס הויז איז אינגאַנצן נישט צו פאַררעגנטן. גייט מיין קאָזין אין דער קאָמפּאַני און געפינט אויס, אַז זי האָט געזאָגט אַ ליגן, — דערציילט מיס פאַרלי און הנדלט זיך מיט איר פאַרעלטערט מיידעלש מויל. אַן אַנדער שכנה, דעם שאָפערס אַ שוויגער, אַן אויפגעבלאָזענע פרוי, קען נישט פאַרטראָגן איר הנדלען. זי קען מיס פאַרלי גוט. זי האַלט איר פאַר אַ זינדיקער קאַטאָליקן, וואָס וואוינט מיט אַ קוזין אויף דער עלטער אין איין שטוב. איצט האָט זי אַ געלעגנהייט איר אַ ביס צו טאָן:

— איר וואָלט געוועזן בעסער ווען מען נעמט ביי אייך צו אַ הויז?

— שור, אָרעמע פרוי. איר געדאַנק איז אַביסעלע געריהרט.

דאָס קליינע ווייבעלע, וואָס האָט זיך ערשט אַריינגעצויגן, שטייט נאָך אַלץ אַזוי נעבעכדיק, ווי פריער, אויף דער שוועל. איר פּנים איז אַביסל אויפגעלעבט. אויב אַזויפיל מענטשן שרעקן זיך נישט, מסתמא ווייסן זיי.

נעמי שערעדער הערט די אַלע רייד. איר איז שווער איבערצוטראָגן, וואָס דער בכבודיקער עוואַנס הערט דאָס אַלץ. ניין, זי וועט זיי אינגאַנצן נישט ענטפערן.

זי גייט פּאַמעלעך אַרויף. דער אַלטער עוואַנס איז שוין צוריק אַריין אין זיין צימער. נאָך גוט וואָס ער איז אַריין. זי קען אים איינפאַך נישט קוקן אין פּנים אַריין פאַר חרפּה. זי גייט אַריין אין איר צימער, ליגט אַרויף די הענט אויפן פּנים. עס שפּאַרן זיך טרערן פון איר האַלז. זי פאַלט אַרויף אויפן צעוואָרפענעם בעט. זי שלוכצעט שטיל אין קישן אַריין. אינמיטן וויינען הערט זי אַ גערויש. זי ציטערט אויף. אפשר האָט ער דאָרטן געהערט, מיסטער עוואַנס, און שטייט דאָ אויף דער שוועל. ער איז זי געקומען טרייסטן. זי דרייט פּאַמעלעך אויס דעם קאָפּ: אויף דער שוועל שטייען די צוויי קעץ, פאַרקען זיך מיט אַ קנעפּל פון איר מאַנטל. באַלד דערזעען זיי זי און נעמען קוקן אויף איר פאַרטרויערט.

נעמי שערעדער שטעלט זיך האַסטיק אויף. זי וועט זיי ווייזן, אַז זי טראָגט נישט קיין האַרץ אויף זיי. עס בלייבט איר סיי ווי סיי נישט מער ווי צו גיין אין אַ מושב זקנים. זי וועט אַראָפּטראָגן אירע זאַכן דערווייל אין גאַראַזש, היגטערן הויז.

זי וויקלט איין אַ קישל, אַ קאָלדרע, פאַרפּאַקט אירע זאַכן אין אַ וואַליזקע און לאָזט זיך אַראָפּ מיט די טרעפּ. זי ווייסט, אַז מען קוקט איר נאָך דורך די שמאָלע שפּאַרונעס פון די טירן. זאָלן זיי זען, אַז די איינציקע זאַך, וואָס מען דאַרף טאָן, איז אַרויס פון דאַנען. הינטער די טירן הערט זיך אַ מורמלעריי:

— אַט גייט זי טאַקע. זי איז גאָר נישט משוגע פֿאַר זיך. זי וויל אונז אַרויסקריגן פֿון דאַנען.

— ווער ווייסט? אפֿשר איז זי גאָר גערעכט, מיס שערעדער, — האָט מיסטער פּאַרלי.

אָבער זיין קוזינע שפּאַרט אים איבער.

— וואָס רעדסטו, אַזאַ רעספּעקטאַבעלע קאָמפּאַני וועט שטעלן מענטשן אין געפֿאַר? אַט האָבן זיי ערשט אַריינגעלאָזן מענטשן.

אַלע טירן שטייען האַלב געעפֿנט און מיט שרעק האָרכן זיך די מענטשן אין צום פּלוכקען פֿון וואַסער, ווי עפּעס אַ לעבעדיקע חיה וואָלט זיך געשפּאַרט מיט אַ ווילדן צאָרן, אַ געפֿאַנגענע צווישן די ענגע קעלער־ווענט.

1938

פרנסה

עס איז געווען אַ הייסער שבת־נאָכמיטאָג. דער בראַנדיקער שאָטן פון דער שאַרלעכער זון האָט זיך געשפּאַרט דורך דעם פאַרנעפּלטן הימל. אַ שטיקנדיקע היץ האָט געבריט די לופט. דער ווייכער אַספאַלט האָט זיך געפּרעגלט מיט אַן איבלדיקן סמאָלע־גערוך. דורכלויפנדיקע אויטאָמאָבילן האָבן איבערגעלאָזט קאַרבן פון די גומענע רעדער אויף דער גאַס.

אויף דער לאַנגער מעדזשאָר גאַס, אַ גאַס מיט איינ־ און צוויי־פאַמיליע הייזלעך, איז געווען שטיל. עס האָט זיך בלויז אַהער געטראָגן אַ טומל פון די צוויי עוועניוס, פון דעם אונטערשטן, אָרעמען יידישן קוואַרטאַל פול מיט אַלערליי שפּייז־מאַרקן, און פון דער אויבערשטער שיינער עוועניו, פול מיט ריזיקע געביידעס מיט פיל־גאָרנדיקע געשעפטן.

לייזער גרין, אָנגעטאָן אין זיינע מויערערישע פאַרלאַטעטע אַרבעטס־קליידער, איז געזעסן אויף דער וועראַנדע און געקוקט אויף דער צעפליקטער, פאַרבלאָטיקטער לאַסט־מאַשין, וואָס איז געשטאַנען לעבן דעם הויז. צו־וואָס דאַרף ער די שברי־כלי, אַז קיין אַרבעט האָט ער נישט. ער האָט נישט פאַר־קויפט די מאַשין; ער האָט געמיינט: זומער, הייסע טעג, וועט מען נעמען בויען, פאַרריכטן אַלטע הייזער, און דאָ גאָרנישט.

אַמאָל, ווען מען האָט געבויט הייזער, איז לייזער געווען אַ שטיקל קאָנ־טראַקטאָר. ער האָט שוין אפילו געהאַלטן אַ פּאָר געהילפן. דאַמאָלסט האָט ער זיך אַריינגעצויגן אין דער שטילער מעדזשאָר גאַס, אויפגעבויט מיט די אייגענע הענט דאָס פאַמיליע־הייזל, און זיין ווייב דייענע האָט אים געבוירן אַכט קינדער. יעדעס יאָר אַ קינד. לייזער איז געווען שטאָלץ ביי זיך, וואָס ער איז געוואָרן אַ מויערער אין אַמעריקע. אַלע יידישע יונגעלייט וואָלטן זיך געדאַרפט נעמען צו אַזאַ מלאכה; נישט קריכן אין די שעפּער. וואו ער האָט געפּאַקט אַ גרינעם, האָט ער אים געמאַכט פאַר אַ מויערער. מען אַרבעט אין גאַס, הענט קריגט מען שטאָלענע, אַן אַפּעטיט צום עסן פעלט נישט. מיט איין וואָרט — עס איז גוט צו לעבן אויף דער וועלט און זיין אַ מויערער. איצט זיצט לייזער גרין און שמייכלט צו זיך, ווען ער דערמאָנט זיך וועגן דעם. ער קוקט אויף די שטאַרקע מאָזאָליעדיקע הענט. אויב עס זאָל אַזוי

אַנגיין, ער זאָל נישט קריגן קיין אַרבעט פֿאַר זיך אַליין, ווען זיינע קינדער אויסציען די פּיסלעך.

די טיר פֿון דער הייזקע שטייט אָפֿן. דורך דעם לאַנגן קאָרידאָר זעט זיך די טונקעלע קיך, אַ ליידיקע קיך. הינטערן הויז, אויף דעם צען־פֿוסיקן שטיקל לאַנד מיט פֿאַרוויאַנעטע גרעזלעך, ליגט זיין ווייב. די קינ־דערלעך אַרום איר שפּילן זיך נישט, מאַכן נישט קיין געוואַלדן ווי גע־ווינלעך, ווען זיי זענען זאַט. זיי ליגן אין שאָטן און פֿרייכן אָן אָטעם.

די גאַס איז ליידיק. פֿון די רייען שיטערע ביימלעך פֿאַלן די פֿאַרברענטע בלעטער ווי אין האַרבסט. פֿון צייט צו צייט שפּאַנט אַדורך אַ גאַנצע משפּחה, מיט פּעקלעך שפּייז. טייל פֿון די קינדער לויפֿן פֿאָראויס אויף רעדלעך. זיי ווילן וואָס פֿריער זיין דאָרט, וואו מען באָדט זיך, וואו דער קאָפּ קאָפּ אָפּגע־קילט ווערן פֿון היץ. לעבן דעם מילכמאַן אייזיקאָוויטשעס הויז שטעלט זיך אָפּ אַ שיינער ברוינלעכלער קרייזלער; דער רייכער בחור, וואָס שדכנט זיך צו זיין, אייזיקאָוויטשעס טעכטערל, גיט גאָוו והדיק אַ טרובע זיין האָרן. פֿון הויז לויפֿט שוין אַרויס איינע פֿון זיינע טעכטערלעך, אָנגעטאָן אין ווייסן, מיט אַ ברייטן, שטרויענעם הוט. זי פּאַכעט מיט איין האַנט צו די עלטערן, וואָס באַגלייטן זי מיט די אויגן דורכן פֿענצטער. דער קרייזלער פֿליט לופֿטיק אַוועק. אַרעמערע יונגעלייט מיט מיידלעך קוקן זיי נאָך פֿון די ווע־ראַנדעס, קוקן מיט קנאה צו דער אויבערשטער שיינער עוועניו, וואו דער קרייזלער איז אַוועק. טייל לאָזן זיך צו די באַסעס, צו די טראַמווייען, גרופּנ־וויז, פֿאַרלעכוויז, וואָס וועט זיי פֿירן צו די שיינע אינזעלעך אויף דער אָזערע, צו די זאַמדיקע וואַסער־ברעגן.

לייזער קוקט זיי נאָך מיט בענקשאַפֿט. ווען ער איז געווען אַ בחור, איז ער זומער אַרומגעפֿלויגן, געפֿאָרן מיט די שפּאַציר־שיפֿן אויף די אינזלען. דאָרטן האָבן געשפּילט אָרקעסטערס. אילומינירטע רעסטאָראַנען. האָט ער זיך ווען עס איז פֿאַרגעשטעלט, אַז ער וועט אַמאָל האָבן ליידיקע קעשענעס? לייזער וויל אָבער נישט צולאָזן קיין טרויעריקע געדאַנקען. נישט אייביק וועט אַזוי זיין. אָט האָט ער נאָך היינט צו מאַכן אַ שטיקל אַרבעט ביי דעם בעקער לאַזאָווסקי. עס איז טאַקע זייער אַ שווער שטיקל אַרבעט: עפּעס אַ קליייניקייט אַריינצוקריכן אין אַן אויוון, וואָס האָט געברענט אַ גאַנצע וואָך, און פֿאַרלאַטען די אָפּגעפֿאַלענע, צעברענטע ציגל. אַמאָל וואָלט ער אויף דעם אַ שפּיי געטאָן, אָבער היינט . . . דערצו איז דאָס אַן אַרבעט, וואָס ער קריגט יעדע וואָך. דאָס מאָגערע ברויט פֿון די קינדער שטייט אויף דעם.

לייזער דערפֿילט מיטאַמאָל אַ זיכערקייט. ער שטעלט זיך אויף, קריכט האַסטיק אַרונטער פֿון דער וועראַנדע. ער קאָן די קינדער נישט לאָזן אין

שטאַט אין אַזאַ היץ. ער עפנט דאָס טירל פון מאַשין, זעצט זיך אַריין. דער צייגער ווייזט אַ פערטל גאַלאָן געזאָלין. לייזער שליסט אויף די מאַשין. ער גיט אַ דרוק אויף דעם געזאָלין. די מאַשין הויבט זיך אָן וואַרפן, סאָפּעט שווער. ענדלעך רייסט זי זיך האַסטיק פון אָרט אַרונטער צו דער עוועניו.

ביים ראַג שיינט שוין אַהער די שיינע געזאָלין־סטאַנציע, אַ נידעריקער שיינער געבוי פון הייזעלעך, ווייס און רויט געפאַרבט מיט אַלערליי טורעמ־לעך. ער פאָרט אַרויף אויף דעם פּלאַץ לעבן די געזאָלין־צייגערס. די דראָבנע גראָע שטיינדלעך קרישלען זיך הינטער די רעדער. עס קומט אַרויס דער אַנגעשטעלטער פון דעם געזאָלין־הויז. ער כאַפּט אַרונטער די רער מיט דער קישקע.

— וויפיל ?

— פינף גאַלאָן !

לייזער האַלט־אָן זיין גאווהדיקן אָנשטעל. פאַרוואָס נישט ? ווייניק האָבן זיי ביי אים פאַרדינט דורך די אַלע יאָרן ? געזאָלין איז טאַקע נישט קיין ברויט. אָבער צי קאָן ער לאָזן זיינע קינדער פאַרטריקענען פון דער היץ ? דער געזאָלין־באָי, דער שוואַרצלעכער אַרנאָלד, מיט די שמאָלע וואָנצעלעך אויף דעם ברעג פון דער אויבערשטער ליפּ, האָט שוין אַריינגעגאָסן דעם געזאָלין. ער שרייבט־אָן דעם פּרייז אויף זיין ביכל. ער רייסט־אָפּ אַ בלעטל. אָבער לייזער גרינ האָט שוין פאַרלאָרן דעם כוח צו בעטן אויף באָרג. ער איז שוין זייער פאַרטאָן און זוכט אין אַלע קעשענעס.

— וואָס זוכסטו, באָס ? אַז מען ליגט נישט אַריין, נעמט מען נישט אַרויס, — שפּאַסט אַרנאָלד, אַט דער חברה־מאַן. ער קען גוט די לאַגע פון אַ מויערער היינט־צו־טאָג.

— קענסט זיך פאַרשטעלן ! כ׳גיי אַרויס אין די שמאַטעס, און די פּאָר טולער לאָז איך אין נייעם ראָק.

אַרנאָלד נעמט זיך קלוגעריש קראַצן די שמאָלע וואָנצעלעך. ער פאַר־קוועטשט די אייגעלעך. בויגט נאָענט צו אים דעם קאָפּ :

— ליסן, באָס, אַזעלכע קלוגיטשקע האָב איך הונדערטער אַ טאָג. — באַלד שרייט ער אַריין אין דעם אָפענעם טויער, וואו אַ יונגער, בלאָנדער בחור וואַשט אָן אויטאָמאָביל.

סטיוו זיצט שוין אינעווייניק. אומגליקלעך גייט ער אים מאַכן. ווי אַזוי וועט ער צופירן די כלים צו מאַכן די אַרבעט ביים בעקער ? דערצו אַזאַ בושה !

לייזער פילט, אַז ער איז איצט זייער נעבעכדיק. די אונטערשטע ליפּ הענגט אים אַרונטער, כאַטש גראָב זיך אויס אַ גרוב. ער האָט שוין צו זיך

טענות: קבצן, וואו קריכסטו? ליג איינגעלייגט. האָסט נישט קיין פּאָר מטבעות, דאַרפן דיינע קינדער טריקענען ביים הויז.

אַרנאָלד ווערט געריררט פון זיין נעבעכדיקייט. דאָס קאָן שוין לייזער אויך באַמערקן. אַרנאָלד איז פאַרטראַכט, ער קראַצט זיך די גאָמבע.

— איך גיב דיר אַ געלעגנהייט. דער באָס וואָלט מיך „געפייערט", ווען ער ווייסט.

— שור, שור, איך ברענג דיר גליך, ווי נאָר איך מאַך אַ דזשאָבל ביי לאַזאָווסקין, אַזוי זאָל מיר גאָט העלפן!

סטיוו קריכט אַרויס פון דער מאַשין, און לייזער שפּרינגט אַריין. אין איין אָטעם פליט ער אַוועק פון דעם גאַזאָלין־פּלאַץ. ער ווייסט נעמען ווייב און קינדער און פירן זיי גליך צום וואַסער. ביים הויז שטעלט ער זיך אָפּ. ער בלאָזט פריילעך דעם האָרן, אָבער קיינער דערפרייט זיך נישט. ער לויפט אַריין אין הויז. איצט ליגט שוין זיין ווייב דייענע מיט אַ קאַלטן קאָמפּרעס ביים קאָפּ אין פראָנט צימער אויף דער צעפּליקטער סאָפע. לעבן איר ליגן די קינדערלעך ווי אין היטערפלעט. זי באַמערקט זיין אויפגעלעבטקייט און זי קוקט אים אָן פאַרוואונדערט. ער הויבט אויף דאָס מיזיניקל דאָראָטי אויף די הענט. דאָס קינד מיט די שיינע האָניק־קאָלירטע לעקעלעך און דראָבנע באַחנט נעזעלע אויף דעם מיזערנעם פּנימל, פאַרוואָרפט דאָס קעפּעלע אויף דעם טאַטנס ברייטן אַקסל. די ברוינע אייגעלעך פאַכן האַלב פאַרמאַכטע.

— דייענע, טו אָן די חברה, מיר פאָרן זיך באָדן.

דייענע קווענקלט זיך. זי איז פאַרחלשט פון דער היץ. נאָר דאָס קליינוואַרג האָט שוין דערכאַפּט דעם טאַטערס רייד. אַלע שפּרינגען אויף לעבעדיק. די קליינע דאָראָטי קושט דעם טאַטערס האַלז. אַ פאַרפלייצונג פון זיסע סלינע רינט פון איר מיילכל. די אַנדערע כאַפּן זיך אויפן טאַטנס אַקסלען אַרויף מיט גרויס ליבשאַפט און פאַרוואונדערונג אויף זיין בריהשקייט.

— אָ, פּאָ, פּאָ, דו ביסט וואונדערלעך.

עס נעמט נישט לאַנג, אַלע זענען גרייט מיט זייערע האַלב־צעלעכערטע באָד־קאָסטיומען. דייענע פאַרגעסט נישט מיטצונעמען נאָדל־פאָדעם, טאָמער, ווי עס מאַכט זיך, אימיצער ווערט אַרויספאַלן פון די הויזן. קיין סך עסן דאַרף זי נישט, ווייל איר מאַן גייט נאָך היינט אַרבעטן אין דער בעקעריי. פון דאָרטן וועט ער ברענגען אַ פּאַק מיט קיכלעך, זעמל, קוכן — נישט אַזעלכע פרישע, אָבער די חברה עסט זיי, צעמאָלן עס. זיי האָבן, קיין בייז אויג, דעם טאַטנס אַפּעטיט. אַלע זיצן שוין אויף דער צעפּאָרענער לאָסט־מאַשין, אַלע זיבן קינדער, די עלטערע זיצן פון הינטן אויף דער פּלאַטפאָרמע, אַרומגעצוימט מיט די ברעטער, און ער, לייזער אַליין, זיצט מלכותדיק ביים ראָד. לעבן אים

די קליינע דאַראַטי מיט צעפּינקלטע אייגעלעך. דאָס ווייב דייענע איז שיין פּאַרקעמט, אירע שוואַרצע האָר גלאַנצן. דאָס אָפּגעוועלקטע פּנים צו־געפּודערט, די אַרויסשטייגנדיקע קינבאַקן רויט צוגעפּאַרבט. בלויז די אויגן זענען ביי איר מיד, אונטערגעהאַקט מיט שוואַרצע רייפן. איר גאַנצער קער־פּער איז מיד פון דער היץ, פון דער חברה עסערס, וואָס רייסן אַרונטער איר לייב און לעבן.

לייזער דריקט אויפן געזאָלין. ער פאָרט מיט דער עוועניו. באַלד וועט ער אַרויף אויף דער קווינס־גאַס. פון דאָרט ציט זיך שוין אַ לאַנגער, ווייטער וועג וואו מען קען פאָרן גיך. די מאַשין כראָפּעט, העצקעט. דאָס וואַסער אין קעסל זידט, שפּריצט מיט אַ פּאַרע. לייזער וויל גאַרנישט טראַכטן. אַ נס איז געשען. ער מוז זיין ווייב און קינדער ברענגען צום וואַסער.

ער קומט אַרויס אויף דער גרויסער קווינס גאַס. עס פליען פאַרביי סקווערן, פּאַרקן פול מיט מענטשן, אַנגעלעגט, צעזעצט אויף די בענק, אויף די שטיגן פון דענקמעלער. טראַמווייען ריטשען זיך פאַרביי מיט אַ סקריי־פּעדיקן גערויש. עס שווינדלען פאַר די אויגן הייזער גרויסע און קליינע. לייזער רעדט נישט, ער קוקט פאָראויס. זיין מוח איז פאַרנומען מיט פּלענער, ווי אַזוי צו שפּייזן זיין שטוב. ווינטער וועט זיכער גאָרנישט זיין צו פאַר־דינען, אַ חוץ עמעצענס אַן אויוון אויסצורייניקן. ער וועט היינטיקן ווינטער פאַרענדיקן זיין דערפינדונג וועגן וועלכער ער טראַכט שוין יאָרן. עס איז אַזאַ פּודער, וואָס רייסט אויף און רייניקט דעם אויוון. ער האָט שוין גע־מאַכט קליינע פּראָבעס. היינטיקן ווינטער וועט ער עס אין קעלער פּאַרטיק מאַכן, עס אַריינלייגן אין שאַכטלעך. ער וועט אויסמאַכן אַ געדרוקטן פּאַפּיר, רופן זיינע יונגען זיי זאָלן דאָס צעטראָגן איבער די הייזער. ער וועט אַריינ־שטעלן אין הויז אַ טעלעפאָן, מענטשן וועלן קלינגען, פירמעס וועלן זיך דערמיט פאַראינטערעסירן. מען קען גאַרנישט וויסן, ער קען מאַכן שיין געלט. נאָר באַלד גיט ער זיך אַ דערמאָן, אַז זיין ווייב האָט אים געזאָגט ער זאָל נישט דערמאָנען די נאַרישקייט. ער כאַפּט אַ בליק אויפן ווייב צי זי האָט נישט באַמערקט זיינע געדאַנקען. טאַקע, ווער דאַרף דעם פּודער, אַז מען שטעלט שוין אַריין אויל־ברענערס אין די הייזער און ווער וועט דאָס וועלן אַריינלייגן געלט אין אַזאַ משוגעת. אמת, אַזעלכע משוגעתן קענען נאָר קומען פון ליידיק־אַרומגיין.

דער הייסער ווינט ווערט אַביסל קיל. די הייזער — נידעריקער. עס ציען זיך פון ביידע זייטן גאַס זייטיקע געסלעך פול מיט ביימער־רייען. אין דער לינקער זייט פון די שיינע געסלעך זעט זיך שוין אַרויס דאָס בלויקייט פון דער גרויסער אָזערע. אַ קילקייט שווימט אַרויס פון די געסלעך. לייזער

איז גוט באַקאַנט מיט דעם געגנט. ער האָט אנטיילגענומען אין בויען די אַלע שיינע הייזלעך מיט די גלעזערנע זון־צימערן. ער האָט אפילו אַמאָל געטראַכט וועגן בויען דאָ פאַר זיך אַליין אַ זומער־הייזקע . . .

ער פאָרט אַריין אין איינעם פון די געסלעך. באַלד ציט זיך דער „קיור־ביטש פאַרק". פון דאָרטן קומט אַ טומל פון טויזנטער מיילער. דאָ אין פאַרק, צווישן די הויכע מייפּל־ביימער שטייען לאַנגע טישן. גאַנצע פאַמיליעס זיצן, טייל אין זייערע באַד־קאָסטיומען, און עסן. נאָכן פאַרק עפנט זיך אַ ליכטיקער זאַמדיקער ברעג. טויזנטער מענטשן ליגן, קאָפּ אויף קאָפּ. ווייט אויף דער גרויסער אָזערע שווימען זעגל־שיפלעך, גראָע צעפלאָטערטע זעגלען וויגן זיך אויפן שטילן פלאַך. דאָ און דאָרט שניידט זיך אַ מאָטאָר־שיפל, שפּאַלט דעם וואַסער־פלאַך. אַ לייכטער שוים הויבט זיך אויף און לאָזט איבער אויף אַ לענגערער ווילע אַ לאַנגן שניט אין וואַסער.

לייזער שטעלט זיך אָוועק נאָענט פון פאַרק לעבן די טויזנטער גלאַנ־ציקע אויטאָמאָבילן. ער וואַרפט גיך פון זיך אַרונטער די אויבערשטע קליי־דער. אַזוי זיצנדיקערהייד אין מאַשין קריכט ער אַריין אין באַד־קאָסטיום. דאָס זעלבע טוען זיינע קינדער. ער שפּרינגט אַרויס פון מאַשין. דאָס זאַמד איז הייס. ער האָפּסלט אַרונטער מיט זיינע געאָדערטע פיס, שוואַרצע אָדערן ווי שטריקלעך, וואָס קרעמפּעווען זיינע פיס. דאָס איז דער שוואַכסטער טייל פון לייזערס קערפּער. ער איז שטאַרק באַוואַקסן. זיינע קינדער קוקן אויף זיין נאַקעטן לייב, אויף די בערשטלעך האָר, וואָס הענגען אויף זיינע אַקסלען, ברוסט. קוקן און טראַכטן וועגן דער אַנדערשטקייט פון זייער טאַטן צו די פאַרבלייכטע קערפּערס פון די פאַרבייגייער. באַלד קומט אַרויס דאָס ווייב דייענע. זי קוקט אַהין, צום גרויסן הויז, וואו מען טוט זיך אויס. דאָרטן שטייט אַ לאַנגע ריי מענטשן, וואָס וואַרטן אויף אַ קעמערל. דייענע איז אויפן קערפּער נאָך מיידליש שיין. אירע פיס און הענט — ברוינלעך. דאָס קליינע מיידעלע דאָראָטי האַלט זיך ביי דער מוטער.

לייזער האָט נישט קיין צייט זיך אָפּצורוען. ער דאַרף גיין צוריק צו דער אַרבעט. דער אויוון ביים בעקער לאַזאָווסקי איז שוין מסתמא אויסגעלאָשן. ער קילט זיך צום פאַרריכטן. שבת־פאַר־נאַכט איז די איינציקע צייט ווען דער אויוון ברענט נישט. ער לויפט גיך צום וואַסער. דאָס וואַסער איז גרינגלעך קלאָר, ווי דורכזיכטיק גלאָז. ער לויפט גיך אַריין. דאָס וואַסער איז שניידנ־דיק קאַלט. ער רייסט זיך אָפּ פון ברעג, הויבט אָן לייגן קלאַפּטער ווייט אַוועק. באַלד קערט ער זיך אום צום ברעג און אַרויס.

דייענע זיצט שוין אויסגעשפּרייט אויף אַ קאָלדרע. איר פּנים איז אויפ־

געלויכטן. זי שמייכלט צו אים. עס טוט איר הנאה, וואָס איר מאַן האָט זיך אָפּגעפרישט איידער ער גייט אין אויוון אַריין.

— איך מוז שוין גיין, דייענע — זאָגט ער מיט עגמת נפש. ער קושט די קליינע דאַראָטי און לאָזט זיך אַוועק צום מאַשין אָנטאָן.

ער טוט זיך אָן גיך, ווייל דאָרטן, אויפן באַרד־וואָק אַמפּערן זיך מענטשן מיט עטלעכע בלאָנד־האָריקע יונגעלייט. די יונגעלייט גייען אָנגעטאָן ווייסע הויזן און בלאָע שפּאַציר־רעקלעך. זיי שטייען און פאַרשטעלן דעם וועג פון די, וואָס ווילן אַרויפגיין, וואו דער זאַמד־ברעג איז ליידיקלעך. זיי האַלטן בעיזבאָל־שטעקנס, גרייט צו שלאָגן.

— דער ברעג איז דעם שטאַטס — ריידן די מענטשן, וואָס ווילן אַרויפגיין.

— גייט צוריק, איר פאַרדאַמטע „פאָרעינערס", אויב נישט וועלן מיר אַלעמען אָפּטרייבן פון דאַנען.

לייזער ווערט אויפגעקאָכט. עס ווילט זיך אים איינעם פון זיי אַזוי פאַרפאַרן גלייך אין די ציין אַריין. אָבער באַלד דערמאָנט ער זיך, אַז דער אויוון וואַרט. אויב ער קומט נישט, פאַרלירט ער די מעגלעכקייט צו קריגן דאָס פאַרדינסטל ביי לאַזאָווסקין.

פונדערווייטנס שטייען אַ ריי זומער־הייזער מיטן פּנים צום וואַסער, אָפּגעזונדערטע הייזער מיט נידעריקע פאַרצוימונגען. אויף די גרויסע וועראַנדעס וויגן זיך ווייס־האָריקע חשובע מענער, מיט רויטלעכע פּנימער. לעבן זיי זיצן הויכע „מאָנספּאַרשוינישע" ווייבער מיט לאַנגע פּנימער, אָנגעטאָן אין פאַראַדנע שוואַרצע לעיס־קליידער. לעבן די הייזער שטייען גרויסע קאָלירטע שירעמס. דאָס זאַמד דאָרט איז ווייס. ביי די טירלעך, וואו מען גייט אַריין אין דער פאַרצוימונג זאָגט זיך מיט גרויסע בוכשטאַבן:
„פּריוואַט אײַגנטום".

די מענער אויף די וועראַנדעס זיצן שוויגנדיקע. טייל פון זיי האַלטן פּיפּקעס אין מויל און רויכערן געלאַסן. מען קען זען, אַז עס טוט זיי הנאָה, וואָס די יונגע שנעקעס לאָזן נישט די אָרימעלייט זיך אויסלייגן נאָענט פון זיי.

לייזער האָט זיך אָפּגעריסן פון מאַשין, זיך דורכגעריסן די אַמפּערנדיקע מענטשן. דער גאַנצער אָנגעזאַמלטער צאָרן האָט זיך געשפּאַרט אין זיינע הענט. ער האָט זיך אַ שטויס געטאָן אויף דעם קרענצל אויסגעפּוצטע שנעקעס, אַרויסגעריסן ביי איינעם דעם בעיזבאָל־שטעקן. דער עולם האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן נאָך אים. די אויסגעפּוצטע יונגעלייט האָבן זיך ווי דערשראָקן און אָפּגעצויגן. באַלד איז דער גאַנצער ברעג נאָך דעם הויז מיט שיפלעך פול געוואָרן מיט מענטשן.

איצט האָט שוין לייזער געקענט צוריקגיין צום מאַשין. ער האָט זיך אַריינגעזעצט און שנעל אָפּגעפּאָרן. דאָס האַרץ איז אים נאָך נישט געוועזן באַרואיקט. ער האָט געוואוסט, אַז דערמיט וועט זיך עס נישט ענדיקן; אַז הינטער די שנעקעס שטייען די ווייס־האָריקע מענער. זיי זענען גאָרנישט געוואוינט צו זען אַזוי פיל מענטשן ביי דעם ברעג. זיי ווילן נישט וויסן, אַז די אָרעמעליייט פאַרדינען נישט, די מענטשן פאָרן ווייניק אויפן לאַנד אין די ברעג. וואו זאָל זיך אַהינטאָן דער אָרעמאַן? ער איז שוין אַזוי געווען אומרואיק די גאַנצע צייט: ווער ווייסט צי זיי וועלן זיך ווידער נישט טשעפּען. זיין ווייב און קינדער זענען דאָרט. ער האָט געטריבן די מאַשין גיך. ווי נאָר ער וועט פאַרטיק ווערן, פאָרט ער גלייך צוריק. אַ גאַנצן אָוונט וועט ער זיין ביים וואַסער. וואָס האָט ער זיך צו איילן.

ער איז אַרויף אויף דער ברייטער עוועניו, ער האָט ווידער דערפילט די היץ פון הייסן טאָג. פון די פיש־מערק, פליש־קראָמען האָט געשלאָגן אַן איבלדיקער גערוך, לעבן דער בעקעריי האָבן זיך געדרייט צוויי מענער מיט שילדן אויף די אַקסלען. דאָס האַרץ האָט אים גענומען קלאַפּן: זאָל מען שוין ווידער סטרייקן ביי לאַזאָווסקי גנבֿ? זיין שטיקל ברויט שטייט אין קאָן. ער איז צוגעפאָרן פאַמעלעך, ווי מיט אונטערגעשלאָגענע פיס.

ער איז אַרויס פון מאַשין. די מענער האָבן גאָר געסטרייקט אין שכנות־דיקן פיש־מאַרק. ער האָט לייכטער אָפּגעזיפצט. פון לאַזאָווסקיס בעקעריי האָט אַרויסגעשמעקט צימערינג־קוכן, פּוטער־געבעקס, ציבל־פּלעצלעך. אין די פענצטער זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט אַלערליי מוסטערן. ער איז אַריין אינעווייניק. אַ שווערע היץ האָט אים אַרומגענומען. פון דער טיפ־קייט אין קראָם האָבן געשוואומען הייסע כוואַליעס צו זיין קאָפּ. דער באַלע־באָס לאַזאָווסקי איז אים אנטקעגנגעקומען. ער האָט זיך געווישט דעם שווייס פון זיין צעפּאַרעטן פּנים, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פרישׂ אָפּגעבאַקענער פּאַמפּערניק.

— אַט האָסטו דאָך אים, דעם גרויסן פאַרדינער, — האָט זיך לאַזאָווסקי געווענדט צו זיין ווייב, וואָס איז געשטאַנען לעבן דער הינטערשטער טיר. לאַזאָווסקיס ווייב האָט אויף אים געקוקט ברוגזדיק. דער שלאָבעריקער גוידער האָט פון צאָרן זיך געוואָרפן.

— נישט אומזיסט זענען מענטשן אָרעם. מען היט נישט אָפּ דאָס שטיקל ברויט.

לייזער האָט זיך נישט געוואָלט צוהערן צו זייערע רייד. מ׳שטיינס גע־זאָגט זיינע פּרנסה־געבער. אָ, ווי העלפט אים גאָט, ער זאָל קאָנען אַ שפּיי

טאָן אויף זיי, וואָס מיינען, אַז מען גיט יענעם צו פֿאַרדינען אַ שטיקל ברויט, דאַרף מען קריכן אויף די קני.

ער האָט געעפֿנט אַ שווערע טיר און מיט די שטיינערנע טרעפּ זיך אַרונטערגעלאָזט אין דער קעלערדיקער בעקעריי. אונטן איז געווען אַ ריזיק־גרויסער צימער פֿול מיט צעשטעלטע טישן, אויף די טישן זענען געשטאַנען גרויסע בלעכן. די לופֿט האָט געבריט. פֿון די פֿאַרמעליקטע אָפֿענע פֿענצטערלעך האָט פֿון צייט צו צייט אַ ווייע געטאָן אַ לעבעדיק ווינטל. איצט האָט שוין לייזער פֿאַרשטאַנען לאַזאַווסקיס רציחה. קיינער פֿון די יונגען איז נישט געווען. זיי האָבן, ווייזט אויס, נישט געקאָנט פֿאַרטראָגן די היץ. אַלץ איז געלעגן אַנגעוואָרפֿן. די מולטערס נישט אָפּגערייניקט. לייזער האָט אָפּגעצאַפּט וואַסער אין דעם בלעכענעם עמער און צוגעגאַנגען צום אויוון. פֿון אָפֿענעם אויוון, ווי פֿון מויל פֿון עפּעס אַ משונהדיקער חיה, האָט געיאָגט אַ בריענדיקע היץ, וואָס האָט פֿול געמאַכט דעם קעלער.

לייזער האָט זיך גענומען אַרומוויקלען מיט זעק די קניען, די עלנבויגנס. טייכן שווייס האָבן שוין גענומען רינען פֿון אים. ער האָט זיך מיט אַמאָל גענומען שרעקן וואָס וועט נאָך זיין אינעווייניק. דערצו איז דאָ קיינער נישטאָ. ער האָט זיך אָבער באַלד גענומען באַרואיקן. שוין נישט דאָס ערשטע מאָל. עס איז אַ ווילדע, פֿינצטערע פּרנסה, אָבער ער מוז, ער מוז. שוין מאָרגן וועט ער און זיינע קינדער נישט האָבן וואָס צו לייגן אין מויל אַריין. ער האָט אָנגעצונדן אַ גרויסן עלעקטרישן לאָמפּ, וואָס איז געווען אַרומגעדראָטעוועט. ער האָט גענומען אַריינקוקן אין אויוון. די היץ איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט זיך געמוזט פֿאַרבינדן דאָס פּנים. דער אויוון איז געווען אויסגעפּלאָסטערט מיט גראָע ציגל. בלויז ביים סוף זענען געלעגן אָנגעוואָלגערט עטלעכע אָפּגעבראָכענע ציגל. עס וועט זיין אַ שווער שטיקל מלאָכה. ער האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. ער האָט אָנגעוואָרפֿן זאַמד און צעמענט אין דעם גרויסן הילצערנעם פֿאַרעם, אַריינגעגאָסן וואַסער און גיך געמישט.

דער גרויסער בייכיקער אויוון האָט אים איצט געשראָקן ווי דאָס ערשטע מאָל, ווען ער האָט געקראָגן די טייערע אַרבעט. ער האָט נישט געוואָלט אַהינקוקן. ער האָט אָנגעגאָסן אַ פֿולן עמער מיט צעמענט, גענומען עטלעכע ציגל און אַריינגעקראָכן אין אויוון. ער האָט זיך געגרוקט אויפֿן בויך אַרויף צום סאַמע סוף. ער האָט גיך אָפּגערייניקט די ציגל, באַשפּריצט מיט וואַסער, דאָס וואַסער האָט גענומען זידן און געלאָזט אויף די הייסע ציגל אַ שרפֿהדיקע פּאַרע. לייזער איז געווען פֿול מיט רציחה: וואָס, צו אַלדי שוואַרצע יאָר,

איילן זיי זיך, אַז דער אויוון איז סכנות נפשות הייס. מען קען נאָך באַקן אין אים. ער וואָלט געדאַרפט אַרויסגיין און צוואַוואַרטן.

באַלד דערמאָנט ער זיך, אַז דאָס וואַרטן איז אומזיסט. דאָס איז צוליב די היץ, וואָס דער אויוון קילט זיך אַזוי פּאַמעלעך. ער פילט, אַז די היץ באַקט, באַקט אים דורך, טריקנט דעם שווייס אויף אים. אַ מידקייט מאַכט שווער זיינע גלידער. ער קען שוין כמעט גאָרנישט נישט אויפהויבן. ער שטרעקט אויס די הענט צו נעמען אַביסל וואַסער, צו באַנעצן דאָס מויל, די ברענענדיקע אויגן. נאָר פון גרויס מידקייט האָט ער מיט דער בלאָנדזשענ־דיקער האַנט איבערגעקערט די קאַן מיט וואַסער. דער אויוון גיט אַ שיפּנדיקן זיך. ער ווערט פול מיט בריענדיקער פּאַרע. זי קריכט אַריין אין דער קעל, דושעט. לייזער מוז זיך אַרונטערבויגן צו קענען זיך גוט אויסהוסטן, ער וואָלט אפשר אינגאַנצן זיך געדאַרפט אַרויסרוקן.

ער פּרואווט זיך רוקן הינטערווייַלעכץ, נאָר עפּעס איז זיין קערפּער אַזוי שווער, די פיס ווי פרעמדע קלעצער. ער קען זיך מער נישט האַלטן אויף די אונטערגעשפּאַרטע הענט. ער לאָזט זיך אויף אַ ווײַלע בלויז אַרונטער. אין קאָפּ שווינדלט אים. אין האַלז שטיקט. ער רוקט זיך פּאַמעלעך. ער דער־שרעקט זיך און וויל וואָס גיכער אַרויס. ער הויבט אָן צעטומלט בלאָנדזשען מיט די הענט. ער שפּירט ווי די זעק טריקענען אויף זיין לייב, באַקן זיך, אָט־אָט וועלן זיי צעפּאַלן דורכגעברענטע. ער קען זיך מער נישט רירן, ער פּאַנגט אָן שרייען, רופן לאַזאָווסקין, נאָר דאָס קול איז עפּעס אַזאַ שווערס, עס ווערט דערשטיקט אין אים אַליין. פון שווינדלעניש הויבט ער זיך אָן וויגן. עס לויפן פאַר די אויגן דורך זיין ווייב, דאַראַטי, דער גאַנצער טאָג. ער שטופּט די הענט אין לײדיקן בעקן. איין טראָפּן וואַסער — און ער איז געראַטעוועט. ער שטרעקט אויס דעם האַלז, זיין אָפן מויל רעדט, בלאָנדזשעט אַרום אין חלל, די קעל פאַרטריקנט דאָס לעצטע ביסל סלינע . . . ער פּרואווט מיט די לעצטע כחות זיך אַ ריס טאָן פון אָרט און פאַלט אָנמעכטיק אויף די הייסע ציגל.

1940

פדיון שבויים

(היסטאָרישע נאָוועלע*)

I

עס איז געווען אַ מילדער פרילינג נאָכמיטיק. די דרומדיקע באַרג־שטאָט ביים ברעג פון מיטללענדישן ים האָט זיך געצויגן ווי אַ בליענדיקער באַרג־גאָרטן. שיטערע שפּיצן פון פאַרמעגלעכע געטורעמטע הייזער האָבן זיך געריסן פון צווישן די צוויטן. אויף דער סאַמע הויך לעבן אַ באַפעסטיקטן שטיינערנעם שלאָס האָבן גראָע דאַרע קלויסטערס מיט באַגילדערטע צלמים זיך געשטרעקט צום הימל. אויפן בלאָען הימל האָבן ווייסע וואָלקנס, דורכזיכטיקע, ריזיקע, ווי מאַרמאָרענע לייבן שווער אַראָפּגעהאַנגען.

צום באַרג־שפּיץ האָט זיך געשלענגלט אַ געקרימטער וועג מיט אַ שטיינערנעם פּאַרקאַן. מאַנאַכן אין לאַנגע ברוינע כאַלאַטן מיט גאַרטלען פאַרבונדן, מענטשן דאַרע, מיט פאַרוואַקסענע באַקאַפּלטע קעפּ, האָבן אַראָפּ און אַרויף שפּאַצירט.

אונטן ביים ברעג ים, לעבן אַלטע פישער־הייזלעך האָבן דער גביר נתן סאַבאַטי מיטן נייעם וואָרעמסער רב אַהיימגעאיילט פון דער פרייטיקדיקער מקוה. אַ פולע מידקייט איז געווען אין זייערע גלידער. נתן סאַבאַטי, אַ הויכער, אַ שוואַרצער מיט אַ לאַנג פּנים און אַ שפּיציק געהויקערטער רוי־מישער נאָז, האָט געטרעסט זיין פעכיקע, פייכטע באָרד, ער האָט לויז געמאַכט זיין זיידענעם כאַלאַט, אַריבערגעוואָרפן דעם ווייסן שאַל־קאָלנער, און מיט אַ גרינגן געמיט הנאה געהאַט פון דעם מילדן טאָג. ער האָט מיט צעעפנטע נאָזלעכער געזופט די קילע, שמעקנדיקע לופט, וואָס האָט זיך געטראָגן פון ים, און פון דער צעבליטער שטאָט.

דער וואָרעמסער רב האָט נישט געוואָלט צופיל הנאה האָבן פון עולם־הזה, ער האָט געהאַלטן צוגעמאַכט די אויגן, און זיך געקאַרטשעט מיט זיין נזירשן גוף אין דעם ווייס־זיידענעם כאַלאַט. פאַרבייגייער, אָפּגעריסענע

---

*) פון דעם 15־טן יאָרהונדערט, אין אַ שטאָט אין דרום־איטאַליע.

טרעגער מיט פארוואקסענע פנימער, פיש־העגדלער, דאַרפס־מענטשן מיט פעקלעך אויף די פּלייצעס, האָבן זיך פרידלעך געגייגט.

— איר זעט, וואָרעמסער רב, דאָ דאַרף זיך אַ ייד נישט שרעקן. דאָ האָט מען דרך־ארץ פאר אַ בכבודיקן יידן.

— וואָס קומט אַרויס? די שטאָט איז בלויז טומאה. יידן, רחמנא לצלן, נעמען איבער גויאישע מידות.

דער רב האָט געעפנט די אויגן. פון דער נאָענט האָט זיך געזען די שיינע סינאַגאָגע, אַ הויכע מיט אַ קיילעכדיקן דאַך, ווי אַ ברוין קאַפּל מיט אַ מגן־דוד פון אויבן. די סינאַגאָגע האָט זיך אַרויסגעהויבן העכער מיט אירע לאַנגע קאָלירטע פענצטער, פון די אָפּגעלאָזטע שטיינערנע, הילצערנע היי־זער, וואָס האָבן אַרומגערינגלט צופוסנס.

דאָ אַרום איז געווען טומלדיק. זיי זענען צוגעקומען צום אָפענעם מאַרק. גויאישע הענדלער האָבן געטראָגן וואַקסענע ליכט, מלאכימלעך־פיגורן מיט פליגל. זיי האָבן זיך געשטופּט צו די יידן, צו די יידישע ווייבער. הענדלער האָבן גערופן זייערע קונים צו זיך מיט טרומייטערן פון אַ האָרן, אַנדערע, קלאַפּנדיק מיט אַ טעפּל אויף אַ שיסל. טוך־סוחרים האָבן זיך גערימט מיט דער ערלעכקייט פון זייערע מאָסן. יידישע פאַרבער, זייד־שפּינער האָבן מיט די הענט גערופן פון די אָפענע פענצטער, געפאָכעט מיט קאָלירטע טיכער.

דער פרעמדער יידישער קאָרטן־פאַרבער אריה מאַגדנבורגער האָט גע־טראָגן אויף זיך אַ כאַלאַט מיט באַמאָלטע קאָרטן. מלכים מיט סצעפּטערס און קרוינען האָבן מיט אַלערליי לעבעדיקע גרימאַסן, אַראָפּגעקוקט פון זיין מלבוש. פּויערים, באַנדעס יינגלעך זענען אים נאָכגעלאָפן ווי אַ משוגענעם און געשריען:

— דזשודעא, לץ, טייוול.

לעבן אַ ווינקעלער האָבן יונגען אין קורצע איינגעצויגענע טוניקעס גע־שליידערט ביינדלעך אויף דער ערד און געוואָרפן מיט דוקאַטן. אַ פעטלעכע פרוי מיט אַ טיפן דעקאָלט אין אַ דורכזיכטיק קלייד האָט זיך געשאַרט לעבן זיי מיט קריגלעך וויין. דער וואָרמעסער רב האָט געזיפצט:

— איי, איי, מצחקים בקוביא*). אַ יידישער ווינקעלער מסתמא מיט זונות.

— יידן דאַרפן פרנסה — האָט נתן סאבאטי גיך געזאָגט. דער רב

*) מצחקים בקוביא — שפּילן אין ביינדלעך.

האָט פאַרלוירן ס׳לשון. ער האָט געוואוסט, אַז נישט די בני־תורה האָבן היינט די דעה אין די קהילות נאָר די, וואָס האָבן דוקאַטן. דער רב האָט בלויז געזיפצט:

— אַזוי דאָ שוין אויכעט דאָס ערב־רב מיט די גזירות, מיט די צעכן...

פונדערוווייטנס, לעבן אַ שטיינערנעם מויערל, פון וואַנען אַ פלאַם מיט פונקען האָט יעדע ווײַלע אַרויסגעבלאָזן, איז געשטאַנען דער שמיד מיכאל, אַ פרעמדער רייטער האָט פאַמעלעך צוגעריטן אויף אַ הינקנדיק פערד.

דער שמיד מיכאל האָט אַ נעם געטאָן דעם פערדישן הינקנדיקן פוס, צוגעדריקט צום לעדערנעם פאַרטוך און זיך גענומען צו דער מלאכה. אַרום האָבן זיך צונויפגעקליבן אָרעמע שטאָטישע לײַדיקגייער און באַטראַכט דעם פרעמדן, זײַן ברייטן הוט מיטן קאָפּ־טוך, וואָס האָט אים פאַרשטעלט די האָר ביז צום נאַקן. זיי האָבן באַוואונדערט דעם פלינקן שמיד, וואָס אים אַרט נישט, אַז דער רייטער זיצט אויפן פערד בעת ער אַרבעט. דער שמיד מיכאל מיט דער געקרײַזלטער ברוינער באָרד, האָט פלינק געשניצט די קלאָען, גע־כאַפּט די גלי־אײַזנס פון זײַן לערביינגל.

דער רייטער האָט זיך אויסגעבויגן צום געזעמל און מוסרדיק געזאָגט:

— פויליאַקעס! אַז איר וועט דאַרפן טרײַבן די ייִדן פון קאַלאַבריע, וועט איר ניט האָבן אפילו ווער עס זאָל אײַך שמידן אַ פערד.

דער עולם האָט זיך צו אים נעענטער צוגערוקט:

— זע נאָר ווי מען בוקט זיך דאָ פאַרן ייִד. אָט יענע וועלן מיר נאָך אָנטאָן נאַרן־מיצלעך — האָט ער מיטן וויַיז־פינגער געטייטלט צום רב און סאָבאָטין.

דער שמיד מיכאל האָט געגעבן אַ קוק אַרויף מיט אַ פּאָר אויפגעצאָרנטע אויגן צום רייטער און אַ שלײַדער געטאָן דעם פערדישן פוס פון זיך, דאָס פערד האָט דערשראָקן אַ שפרונג געטאָן, דער רייטער איז געפאַלן הינטער זיך, נאָר זיך אַ כאַפּ געטאָן צוריק און פאַרפלאָכטן זײַנע פינגער אין דער גריווע.

— דו ביליקער פלעבעיער, מיינסט דאָ איז גארמאניע, אונזער הערצאָג, ירום הודו, וועט אונז באַשיצן פון אַזעלכע שלעק.

דער צערודערטער עולם האָט אָנגעקוואָלן פון זייער בראַוון שמיד.

— איז נישטאָ ביי אײַך קיין קריסטלעכער שמיד?

דער עולם האָט זיך איבערגעקוקט. בלויז איינער אַ דאַרער מיט אַ שפּיציק זעקעלע אויפן קאָפּ האָט אַרויפגעשריגן צום ריטער:

— יאָ, נאָכן טויער וואוינט ער; ער מוז אָבער גאַווערן אין אַ שענק־הויז.

— בעסערער טרינקער ווי אַ שמידער.

דער עולם האָט געלאַכט.

— גלויבט אַזוי דעם ייד. ער האָט אייך פאַרכישופט. די מעשה מיט דעם פריידיקער דזשאָרדאנא האָט איר געהערט?

— ניין — האָבן זיך אַלע מודה געווען — ניט געהערט.

— אַ ייד האָט איבערגערעדט, ס׳הייסט פאַרכישופט זיין קריסטלעכע דינסט זי זאָל אַרויסגנבענען פון קלויסטער די קירכנבלאַטע.

— אַ געטויפטע איז זי געווען? הייליקע מוטער מאַריא — האָט זיך אַן אַלטע פרוי געצלמט.

— די דינסט האָט זי צעשטויסן. פלוצים באַוויזט זיך פון מערזשער אַ קינד. ווייסט איר ווער דאָס קינד איז געווען. יעזוס אַליין. די דינסט איז געלאָפן צו זשאָרדאנא און זיך מודה געווען.

— אַזאַ פאַרקויפטע חצופה! — האָט די עלטערע פרוי פאַרדעקט איר צלם אויף דער ברוסט און אויסגעשפּיגן.

דער רייטער אויפן פערד האָט זיך אַראָפּגעבויגן ווי ער וואָלט זיי עפּעס געוואָלט איינרוימען אַ סוד:

— כע, כע, גלאָט אַזוי איז זיי דאָס נישט דורך, 24 טויזנט יודאַשעס האָט מען די קעפּלעך אַראָפּגעדרייט.

— גוט אַזוי — האָט אַ צווייטע אַלטיטשקע געשיפּעט מיט פאַרשרומ־פּענע ליפּעלעך.

— דער הייליקער בערנאַרדין פון פעלטרע האָט דאָס דערציילט אויף די קאַלאַברער געמאַרקן. „געבענטשט זענען יענע, וואָס האָבן זיי פאַר־טיליקט״, האָט ער געזאָגט.

דער שמיד מיכאַל איז געשטאַנען ביים טויער פון שטיינערנעם הייזל, ער האָט אומרואיק געהויבן זיינע האַריקע הענט. ער האָט מיט שאַרפע אויגן געקוקט אויף דעם אויסגייענדיקן בראַנד פון גליי־אייזן.

— ליגנער! מיט דעם וואָלט איך דיר אויסגעברענט דיינע אומ־ריינע אויגן.

— האַלט ס׳מויל, דו קרעציקער — האָט עמיץ פון בינטל זיך געריסן שלאָגן. מיכאל האָט געכאַפּט אַ שטאַבע ביים ווינקל טויער און זיך געשטעלט מיט ביידע אויפגעהויבענע אייזנס קעגן זיי.

דער רייטער האָט אַ צי געטאָן דאָס פערד אַקעגן דעם צערייצטן עולם און זיי מיטן פערד איינגעהאַלטן.

— מיט איין ייד זיך צו שלאָגן לוינט נישט און ס׳איז נישט שיין.

עמיץ האָט אַ שליידער געטאָן אַ שטיין. דער שמיד מיכאל האָט צוגע־לענט די טיר פון שטיינערנעם הייזל.

דער גביר נתן סאַבאַטי האָט זיך פאַרקערעוועט צוריק צום ים־ברעג, ער האָט צוגעאײַלט צום וואַרעמסער רב, וועלכער האָט זיך מיט גרויס שרעק געשאַרט לעבן די ווענט פון די מויערן.

— דאָס איז אַ כלב, וואָס קען בלויז בילן. ער האָט אַליין מורא פאַר זײַן פעל.

אָבער אַליין איז ער נישט געווען באַרואיקט, סאַבאַטי. ער האָט גענומען מיט בענקעניש קוקן אויפן ים. דאָס וואַסער איז געווען שטיל. בלאָע מעוועס האָבן זיך געטראָגן דאָ צום הימל, דאָ אַראָפּ צום ווייסן ים־שויס, וואָס האָבן זיך ווי פייגל מיט צעשפּרייטע ווייסע פליגל געקייקלט אויפן ים־פלאַך. דער טאָג איז געווען לויטער, מען האָט געקענט זען די ווייטע שיפן וואָס האָבן זיך געצויגן מיט צעווייעטע זעגלען הין און צוריק פון נעאַפּל, רוים, צום גיבראַלטאַר און פון מזרח צוריק. אַ גרויסע בענקשאַפט האָט סאַבאַטין אַרומגעכאַפּט צו דער צייט ווען ער האָט יונגערהייט זיך אַוועקגעלאָזט אַליין אויף ווייטע נסיעות. ער האָט געבראַכט דאָ אַהער געווירצן, זייד־שטאָפן, צירונג, און געמאַכט געשעפטן מיטן אַדל, בישאָפן, הערצאָגן, ביז די קריסטלעכע סוחרים האָבן אים פאַרווערט.

ביי די גרויסע שטיינערנע הייזער מיט די טיפע רונדיקע אַריינפאָרן האָט זיך סאַבאַטי אָפּגעשטעלט. אַנטקעגן האָבן זיך פאַראַנקערטע שיפן, שיפלעך געוויגט מיט אַראָפּגעלאָזטע זעגלען. האַלב־נאַקעטע מענטשן טאַטוירטע, אויסגעמישט מיט ברייט־בערדיקע יידן האָבן געטראָגן זעק מיט קאָרן, געזאַלצענע פליישן, צו די שיפן צום אַוועקפירן.

ביי דעם בשמים־הויז פון דעם סוחר אַלפאַנאַ האָבן זיך אַרומגעדרייט עטלעכע יידישע קליין־סוחרים, פאַרשטויבטע פון דער זון און איינגעקויפט פעקלעך, וואָס זיי האָבן פאַרקויפט איבערן לאַנד.

עס האָט דאָ געשמעקט מיט סאַלפּאַר, אינגבער, פעפער, צימערינג. טייל האָבן צונויפגעוויקלט שטיקער סאַמעט, פערסישע טעפּיכער. איינער האָט געהאַלטן אַ פאַרגרעסער־גלאָז ביים אויג און באַטראַכט אַ קליין שטיקל צירונג אויף דער האַנט.

די יידן האָבן אים דערקענט, נתן סאַבאַטין. טייל האָבן זיך באַהאַלטן הינטער די קאָלירנדיקע קאָלומנעס, אַנדערע האָבן זיך נעבעכדיקע געבויגט.

נתן סאַבאַטי האָט אַריינגעשמייכלט צו זיך אין דער באָרד: עס וועט אײַך גאָרנישט העלפן, שטייערן פאַרן בישאָף, פאַרן הערצאָג וועט איר סיי־ווי מוזן צאָלן. נאַראָנים, נישט סאַבאַטין צאָלט איר, נאָר פאַר זיך, פאַר אײַער לעבן. אַז זיי וועלן זיך צונויפקומען אין דער סינאַגאָגע וועט ער זיי זאָגן: נייע כלבים שטייען אויף קעגן אונז, וואָס ווילן אונז פאַרטיליקן. מען דאַרף

דעם בישאָף געבן אַ מתנה. זיי וועלן מוזן מסכים זיין. דער וואָרעמסער רב און מיכאל שמיד וועלן זיין די עדות. די מתנה וועט ער טראָגן צום בישאָף. דאָרטן אַרויף מיטן געקרימטן וועג צו די קלויסטערס.

ער וועט שטיין פאַרן בישאָף אַ געבוקטער, ער וועט זאָגן: אדוני בי־שאָף, צי טוען מיר דען עפּעס שלעכטס? מיר נעמען נישט אַוועק ביי קיינעם דעם ביסן פון מויל. זיי ווילן אונז נישט אַריינגעמען צווישן די גרויסע סוחרים־צעכן, האַנדלען מיר אין דער שטיל, קליין. צו באַרגן דעם קלויסטער הלוואות זענען מיר שטענדיק גרייט. מיר פאַרלאַנגען נישט קיין משכנות פון הייליקן צירונג, אַזוי ווי עס האָט געטאָן דער וואוכערניק דזשיאָוואַני, אַ געטויפטער קריסט. ניין, עס טויג נישט, ער וועט אינגאַנצן נישט דערמאָנען דעם דזשיאָוואַני, כאָטש זיי ווייסן ווי דער רשע האָט גוריסן פּראָצענטן פון געמיינע לייט, אָן אַ שיער, ביז די קירך האָט דאָס אים פאַרבאָטן צו טאָן.

אַז ער וועט שוין זיין ביים בישאָף, סאַבאַטי, וועט ער שוין בעטן פאַר זיך אויך. ער וועט אים באַווייזן, דעם בישאָף, אַז די שטאָט ביים ים־ברעג איז ווי אַן אָפענער טויער צום הימל, פול מיט שפע פאַר ייד און קריסט, צו לעבן זאַט. די אביונים שטייען מיט ליידיקע הענט. שיפן קומען צום ברעג מיט אַל־דאָס גוטס און פירן אַוועק די ברכה פון אונזער ערד. די אָרעמע הערצער ווערן פול מיט קנאה. די גרויסע הייזער ווילן די אָרעמעלייט קיין געלט נישט לייען, און ווען זיי טוען דאָס יאָ, טוען זיי דאָס ווי דזשיאָוואַני. ניין, דזשיאָ־וואַני נישט דערמאָנען, ער וועט חס־ושלום נישט גיין ריידן אויף אַ קריסט. ער וועט אים ווייטער זאָגן, דעם בישאָף: ער, סאַבאַטי, איז געווען אַ רייכער סוחר, אויסגעוועזן אַ וועלט. מיט געלט האָט מיך גאָט געבענטשט אָבער נישט מיט קיין מזל, צו געפינען חן אין די אויגן פון די גרויסע צעכן. קיין פּראָ־צענט טאָרן מיר אויך נישט נעמען, ווי עס איז נישט דערלויבט פון דער הייליקער קירך, נאָר אונזערע חכמים האָבן געזוכט אַן עצה צו העלפן דעם געמיינעם מאַן.

דער וואָס לייט איז אַ שטיקל שותף, פאַרדינט דאָס געשעפט קריגט ער זיין פּראָצענט־חלק. און יעדער לייטישער מענטש קען פאַרדינען. ער, נתן סאַבאַטי, בעט דערפאַר די גוטסקייט פון דעם האַר בישאָף צו עפענען די ליידיקע האַנט פון קריסט און ייד.

פון די אַלע שטומע רייד, וואָס נתן סאַבאַטי האָט צו זיך גערעדט, איז ער געוואָרן פול מיט פרייד. די גויאישע אָרעמעלייט וועלן פאַרדינען און זיין גוט צו מענטשן. דער בישאָף וועט אים זיכער דערלויבן צו טאָן מסחר. ער וועט צוריק אויפלעבן. פון גרויס פרייד האָט ער אַ נעם געטאָן די דאַרע האַנט פון זיין מיטגייער, דעם וואָרעמסער רב און זי געדריקט.

זיי האָבן מורא פאַר מיר, די יידן, ווי איך וואָלט געווען פון די מוכסים, וואָס באַרויבן זיי. איך מיין זייער גוטס — האָט ער זיך געפּיעשטשעט.

— זיי מיינען נישט קיין שלעכטס און קענען נישט טאָן קיין שלעכטס. עס שטייט אין דער תורה: „שליחי מצווה אינן נזיקין" — האָט דער רב געענטפערט.

סאַבאַטי האָט זיך ווייטער גערימט:

— די משכנות, די שבתדיקע קליידער גיב איך זיי פרייטיק פאַרנאַכט אַוועק, זיי זאָלן האָבן מיט וואָס מקבל־שבת צו זיין.

— זייער גוט, זייער גוט, אל תשכן באוהליך עוולה.

דער רב האָט זיך געזעגנט און פאַרקערעוועט צו אַ שמאָל געסל, וואָס האָט געפירט צו דער סינאַגאָגע. נתן סאַבאַטי האָט אים נאָכגעקוקט. אַ וואוילער פרומער ייד דער וואָרעמסער, אַביסל צו פרום, אָבער דרך־ארץ, אחדות וועט ער איינשטעלן אין דער קליינער עדה, אַ גבירס אַ וואָרט זאָל זיין אַ וואָרט און נישט יעדער עבד, יעדער לוין־מענטש, וואָס צאָלט קוים קאָפּ־שטייער, זאָל עפענען אַ פּיסק און זאָגן עדות.

פון דעם בשמים־הויז איז אַרויסגעקומען אַ יונגער שלאַנקער מאַן. דאָס פּנים פון יונגנמאַן האָט אויסגעזען ווי דער סוחר אַלפאַנאַ, אַ לאַנגע גאָמבע מיט אַ ברייטן שטערן, מסתמא אַלפאָנס זון. ער האָט געטראָגן דעם אַנטאָן פון אַ שיפס־אָפיציר. אַ דזשאַקעט מיט אַ הוט פון קרימסאָן־סאַמעט, אַ מאַנטל פון גאָלד־קאָליר מיט אַ גרויסן גאָלדענעם קנאָפּ אויפן רעכטן אַקסל.

נתן סאַבאַטי האָט אַ פאַרשעמטער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך פאַר־קערעוועט אַהיים. ער האָט ווידער געפילט, אַז ער איז אַ באַזיגטער. דער סוחר אַלפאַנאַ האָט אים אַלץ צוגענומען, דעם פּלאַץ וואו ער האָט געפירט מסחר. די פאַרבינדונג מיט שיפן, צו וועלכער ער און זיין זון שלום וועט שוין נישט גרייכן. פאַרוואָס דאַרף ער זיין אַ פאַרהאַסטער שטייער־מאַנער, זיך בוקן פאַרן בישאָף און בעטן אַ דערלויבעניש צו לייען געלט. פאַרוואָס? צי איז ער נישט אַזאַ אויפטוער, ווי אַלפאַנאַ. צי האָט ער נישט קיין געלט. אין דער סאָמער בעסטער צייט, ווען דער ים־ברעג בליט, וואָלט ער געזעסן ביי זיך אין גאָרטן, זיין זון שלום וואָלט אַהיימגעקומען אַזש פון ווענעדיק, אין אַ גאָלדענער מאַנטל, אַ קענער פון די ימים. ער וואָלט זיך, ווי אַ יונגער הירש, ביים ים־ברעג געוויזן איצט, ווי דער זון פון אַלפאַנאַ. סאַבאַטי האָט טיף אָפּגעזיפצט און אַ וואַקלענדיקער זיך געשלעפּט אַהיים.

II

אין פאָדער־הויז פון נתן סאַבאַטיס שטיינערנעם מויער האָבן שוין געוואַרט יידן. עס האָט געוואַרט דער קאַרטן־הענדלער אריה מאַגדנבורגער, מיכאל דער שמיד, עטלעכע פאַרבער מיט איינגעגעסענעם פאַרב אין זייערע באוואקסענע דאַרע פּנימער. זייד־שפינער, אויסגעאיידלטע יידן מיט געלבלעכע בערדלעך. יעדער פון זיי האָט עפּעס געהאַלטן אין האַנט. מיכאל דער שמיד האָט געהאַלטן עטלעכע האַמערס, נעגל, גלי־אייזנס און אַ קעסטל. די פאַרבער — שטיקער טיכער. יעדער פון די בעלי־חובות האָט געוואָלט אַרויסנעמען די שבתדיקע מלבושים און אַוועקגעבן די וואָכעדיקע געצייגן.

נתן סאַבאַטי איז אַריינגעקומען אין פאָדער־הויז. די יידן האָבן זיך אָפּגערוקט צו דער רונדיקער שטיינערנער וואַנט. נתן סאַבאַטי האָט אויף זיי נישט געקוקט.

עטלעכע זייד־שפינער האָבן זיך גענומען פּלאָנטערן מיט די צונגען.

— עע, גוטן שבת, רב נתן.

נתן סאַבאַטי האָט אָנגענומען די קליאַמקע פון דער טויערדיקער טיר, וואָס איז געווען באַפעסטיקט מיט אייזערנע שטאַבעס. איידער ער איז אַריינגעגאַנגען, האָט ער געזאָגט מיט אַ געבייזער:

— וואָס שטופּט איר זיך? ס'איז נאָך נישט קיין שבת. ביי מיר אין גאָרטן אַרבעט מען נאָך. נישט בחנם זענט איר קבצנים . . .

אריה מאַגדנבורגער האָט זיך דורכגעשטופּט צווישן צוויי יידן און לצנותדיק געזאָגט:

— אַז מען אַרבעט פרייטיק נאָך צוועלף, זעט מען נישט קיין סימן ברכה. איך האָב היינט נישט געמאַכט קיין צורת־מטבע.

סאַבאַטי האָט מיטן ווייז־פינגער גערופן אריהן:

— איינציקוויז. דו קום אַריין דער ערשטער.

סאַבאַטי האָט געעפנט די טיר און אַריינגעלאָזט אריה מאַגדנבורגער.

אין דער גרויסער שטוב איז געווען טונקל. דורך די שמאָלע פענצטער מיט די אייזערנע שטאַבעס זענען אַריינגעפאַלן שמאָלע פאַסן ליכט. אינמיטן שטוב איז געשטאַנען אַ לאַנגער שטאַרקער טיש. אויפן טיש — אַ קופּערנע טאַץ מיט אַ קוואַרט. פון באַלקן האָט אַראָפּגעהאַנגען אַ קאַנדעליאַברע. אויפן קאָמאָד זענען געשטאַנען אויסגעפּוצטע זילבערנע לייכטער מיט פייגל אין דער הויך. די פייגל מיט אָפענע פּיסקעלעך האָבן געהאַלטן וואַקסענע ליכט.

— נו, ווען ווערסטו מיר שוין איינלייגן אַ משכן און נישט דרייען אַ קאָפּ מיט דער נבזהדיקער קאַפּאָטע.

אריה האָט צענומען די הענט און פאַרלייגט זיין קעפּל נעבעכדיק אויף אַן אַקסל.

— איך וויל נישט וויסן צי דו האָסט יאָ אָדער נישט געזען קיין צורת־מטבע.

ער האָט געעפנט די טיר, עס זענען אַריינגעקומען די שפּינער, די פּאַר־בער. זיי האָבן אַוועקגעלייגט אויפן טיש זייערע קאָלירטע טיכער, אַנדערע האָבן געבראַכט שטיקלעך צירונג. סאַבאַטי האָט זיך נישט געאיילט, פאַר דער אַרבעט האָט ער נישט געקראָגן באַצאָלט. ער האָט דאָס געהאַלטן פאַר אַ מצווה. ער האָט יעדע זאַך באַטאַפּט, צי עס האָט די ווערט, די שטיקלעך צירונג האָט ער באַטראַכט מיט אַ פאַרגרעסער־גלאָז.

ער האָט אויפגעהויבן אַ פּאָלע פון כאַלאַט און פון דער יאַקע אַרויס־גענומען אַ פּעקל מיט שליסלען. ער האָט געעפנט אַ זייטיק שטיבל. ער האָט יעדע זאַך אַוועקגעלייגט אויף זיין אָרט, די סחורה אין שאַנקען, דאָס צירונג אין קופערטן. נאָכדעם האָט ער געעפנט אַ קאַמער און געזאָגט:

— קלייבט זיך אויס אייערע מלבושים. נישט געכאַפּט.

די יידן האָבן באַלד נישט דערהערט. זייערע פּנימער זענען געווען גע־ווענדט צו דער קיך־טיר. פון דאָרטן איז געקומען אַ זיסער גערוך פון שבת־דיקע מאכלים פון צימערינג און בשמים.

דער ערשטער איז צוגעלאָפן אריה.

— וואָס לויפסטו, וואָס לייגסטו מיר פאַר אַ משכן? דיין נבזהדיקע יופּע איז ביי מיר גאַרנישט ווערט.

נתן סאַבאַטי האָט אים צוריקגעוואָרפן דעם באַמאַלטן כאַלאַט.

— איז ווי איר ווילט. וועל איך קומען דאַוונען אַזוי. זאָל זיך מיר דוכטן, אַז ס׳איז פּורים.

די יידן האָבן שטיל אָנגעקוואָלן. יעדער האָט זיך גענומען זיין מלבוש, ווער אַ זיידענעם כאַלאַט, ווער דעם ווייבס קליידער, אַ שטיקל רויכוואַרג, און אַהיימגעגאַנגען.

אין שטוב איז בלויז געבליבן מיכאל דער שמיד, אַ שווייגנדיקער, מיט אַ ברוגזער אַראָפּגעהאַנגענער ליפּ.

נתן סאַבאַטי האָט אים באַטראַכט און געזאָגט:

— אַ ייד דאַרף נישט זיין אַזאַ תקיף צו אַ גוי. ווער ביסטו דאָס, אַזוי צו רעדן צו אַ גוי . . .

מיכאל דער שמיד האָט געשוויגן, בלויז די ברייטע ברוסטן האָבן זיך

הויך געהויבן, ווי ער וואָלט טיף און ביטער געזיפצט אָן אַ קלאַנג פון מויל.

נתן סאַבאַטי האָט אַריינגערוקט דעם שמידס געצייג אין דער קאַמער, אָנגענומען די שווערע טיר צום פאַרריגלען. אריה מאַגדנבורגער האָט דע־מאָלט ווידער אויסגעקרעכצט, אָן שום לצנות:

— איז ווי איר ווילט, וועל איך אַזוי קומען מקבל־שבת זיין. זאָל זיך מיר דוכטן, ס'איז פורים.

נתן סאַבאַטי איז מיט רוגזה צוגעגאַנגען צום טיש, געכאַפּט די באַמאָלטע קאַפּאָטע און זי אַריינגעשליידערט אין קאַמער.

— דאָס לעצטע מאָל. געדענק!

די יידן זענען אַוועק. סאַבאַטי האָט פאַרשלאָסן די קאַמערן. ער האָט די הענט פאַרלייגט פון הינטן און זיך גענומען דרייען אַרום דעם טיש. ער האָט זיך צוריק דערפילט תקיפותדיק, ער האָט אויסגעשטראָפט די יידן. אַרעמעלייט, פּראָסטע מענטש דאַרפן האָבן אַ מדריך, פאַרשטיין ווי אַזוי זיך אַרומגיין מיט די אומות־העולם.

אין הויז איז געווען שטיל. ער האָט אַרויפגעקוקט צו די טרעפּלעך, וואָס האָבן געפירט צו די אויבערשטע צימערן. דאָרטן, אויפן גאַניק, איז געזעסן זיין ווייב צפורה און זיך געפאָכעט מיט אַ פעכער.

די תימנעריך, די באַלעבאָסטע פון קיך, אַ טונקל־הויטיקע פרוי מיט אַ לענגלעך פנים, איז אַריינגעקומען און אויסגעשפּרייט אַ ווייס טישטעך איבערן טיש.

— וואו איז ערגעץ שלום? איר האָט נישט געזען שלומען?

די פרוי האָט געהויבן תמעוואָטע מיט די אַקסלען. וואָס איז דאָס מיט דעם יונג? ער זאָל נישט איינזיצן אין שטוב אַ מינוט. ווי נאָר עס קומט צו גע־שעפט, איז ער נישטאָ אין הויז. איז די אַרבעט פון טאָן יידן אַ טובה, זיי אַרויסגעבן מלבושים אויף שבת, אויך געשעפט? וואָלט נישט בעסער געווען, אַז זיין זון שלום זאָל זיך פאַרנעמען דערמיט און דער טאַטע זאָל זיך נישט מישן מיט אַזאַ נבזהדיק יידל ווי דער מאַגדנבורגער? עס וועט אים גאָר־נישט העלפן. צו זיין פעטער דעם רופא וועט ער נישט פאָרן קיין פּאַדואַ. וואָס האָט ער דען צען קינדער, וואָס קענען אַרומפליען? איין שטיקל זון נאָר. אייביק איז מען נישט יונג. נעם דו און פיר ס'געשעפט. די צייטן וועלן נישט אייבייק זיין שלעכט פאַרן ייד. אָבער אַ רופא, ווידער אַ משרת.

אויפן גאַניק האָט סאַבאַטי געזען ווי זיין ווייב האָט זיך דאָרטן אויפ־געשטעלט, זיך צוגעבויגן צום פאַרענטש און אַראָפּגערעדט. באַלד האָט עמעץ אַ קלאַפּ געטאָן אין טיר. סאַבאַטיס פרוי האָט אַראָפּגעשריִען צו דער תימנערין:

— נעמי, נעם צו דעם ווײַן, נעמי . . .

סאַבאַטי האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז דאָ גייט אַ קריסט. ער איז געוואָרן אומרואיק. וואָס עפּעס פּרייטיק פאַרנאַכט? ער האָט געעפנט די טיר.

— קומט אַריין, מיין האַר. מיט וואָס קען איך דינען מיין האַר?

דער מאַן, אַ הויכער מיט גלייכע אַקסלען, האָט זיך איינגעבויגן ביי דער טיר און אַריין אין שטוב.

סאַבאַטי האָט מיט פאַרוואונדערונג אויפגעריסן די אויגן. דאָס איז געווען דער רייטער, וואָס האָט געהעצט אין גאַס. זיי האָבן זיך שווייגנדיק אַוועקגעזעצט לעבן שבתדיק־באַדעקטן טיש. זיי האָבן שווייגנדיק געקוקט שעמעוודיק איינער אויפן אַנדערן. דאָס פּנים פון דעם פרעמדן איז אים געווען באַקאַנט, דאָס ברייטע מויל מיט געדיכטע ברעמען האָט אים דערמאָנט אָן זיין שכן דזשיאָוואַני, וואָס האָט זיך מיט יאָרן צוריק פאַרמאָסטן גרויס. ער האָט אים, סאַבאַטין, פאַרקויפט אַ גאָרטן און גענומען לייען געלט אויף גרויסע פּראָצענטן, ביז דער קלויסטער האָט אים פאַרטריבן.

— איז דעם האַרס נאָמען דזשיאָוואַני?

דזשיאָוואַני האָט געשמייכלט. זיין פּנים איז איצט געווען פרידלעכער ווי אויף דער גאַס און עס האָט אים דערמאָנט אָן דזשיאָוואַניס ייִנגלעך.

— דו ביסט דער עלטסטער, מסתמא. מיין שלום איז שוין אויך גרויס.

נאָר באַלד האָט זיך סאַבאַטי פאַרכמורעט.

— פאַרוואָס האָסטו געהעצט אין מאַרק? דיין טאַטע איז געווען אַ פליגקער סוחר, אָבער נישט אַזוי . . .

— געמיין, מיינסטו. מיין טאַטנס חסרון איז געווען, ער האָט נישט געטראַכט וועגן דעם המון, צו געווינען זיין פריינטשאַפט. ער האָט געאַרבעט אָן אַ פּלאַן.

— און דו האָסט זי, די פריינטשאַפט?

דזשיאָוואַני האָט געשמייכלט מיטן ברייטן מויל און חוצפּהדיק זיך געדרייט אויפן באַנק. סאַבאַטי האָט דערפילט אַראָפּצולאָזן די באַנק איבער זיין קאָפּ. ער האָט זיך אָבער רואיק צעשמייכלט. וואָס איז ער, מיכאל דער שמיד? ! ער האָט שווייגנדיק, מיט ציטערנדיקע הענט, זיך צוגעהערט צו יענעמס רייד: היות, ער, דזשיאָוואַני, קען דאָ נישט לייען מער קיין געלט, האָט דער פּאַטער אים געשיקט צו אים, סאַבאַטין, ער זאָל אויף זיין נאָמען דאָס געלט לייען. ער האָט אַ סך קרובים אונטערשטיצער, און אַ דערלויבעניש וועט ער אים שוין איינשאַפן. נתן סאַבאַטי האָט אויפגעהויבן די אויגן. ווער ווייסט, אפשר קען פון אַזאַ רשע אויך אַרויסקומען אַ גוטע זאַך?

— איך בין געקומען, ווי אייער יעקב אין דער אַלטער תורה, מיט געבעט אָדער מלחמה.

— און האָסט דערווייל זיך באַנוצט מיט עשו־מיטלען.

סאַבאַטי האָט זיך אויפגעשטעלט. דורכן פענצטער האָט ער געזען, ווי זיינע משרתים, די גערטנער, זענען אָנגעקומען פון גאָרטן, מיט די לאָמען, מיט די אַקערס. איינער האָט געפירט די אייזעלעך צום קאַמער. די אייזעלעך האָבן געפּאַרסקעוועט מיט די נאָזלעכער, און הנאהדיק אונטערגעשפּרונגען ווען מען האָט זיי געקיצלט איבערן רוקן.

די זון האָט זיך שוין אַרונטערגעלאָזט צו מעריב. די דעכער פון די קאַמערן האָבן געפלאַמט. שפּריצן רויטע זון האָבן צעפלאַקערט דאָס גריב־וואַרג אין גאָרטן. סאַבאַטי האָט זיך אויסגעדרייט.

— דער קנעכט און דאָס אייזל גייט שוין אין קאַמער. עס ווערט שבת, מיין האַר. איך וועל זיך איבערלייגן מיט מיין זון.

סאַבאַטי האָט אים אַרויסבאַגלייט פון הויז און ביידע האָבן זיך פאַר דער טיר געדריקט די הענט.

נתן סאַבאַטי האָט לאַנג נאָכגעקוקט דעם יונגן דזשיאָוואַני, וואָס האָט זיך פלינק געטראָגן אַרויף מיט דער גאָרטן־גאַס צו דער אויבערשטער שטאָט־טייל. שוין איינמאָל אַ פאַרשוין. ווער ווייסט, אפשר איז דער טייוול נישט אַזוי שלעכט, ווי ער האָט זיך געוויזן. ער וויל אים גאָר צווינגען. אויב דו, סאַבאַטי, הייסט עס, ווילסט נישט מיט אים קיין געשעפט, וועט ער אויפהעצן דעם המון. אַ שאָד וואָס זיין זון שלום איז נישט געוואָרן דערביי, וואָלט ער געזען, ווי מענטשנס קינדער זענען אַריינגעטאָן אין מסחר. באַטש זיינע טייוולישע וועגן טויגן אין דער ערד. ס'געזען אַ דרך, מיט געוואַלד.

— וואו איז שלום? — האָט ער אַרויפגעשריען צום ווייב — וואו איז ער?

— ער איז אַוועק אין גאָרטן מיט אַ ספר — האָט די מוטער געזאָגט.

— מיט אַ ספר? מען דאַרף שוין באַלד מקבל־שבת זיין און ער — מיט אַ ספר אין גאָרטן.

סאַבאַטי האָט זיך פאַרקערעוועט מיטן הינטער־ליקל צווישן דער קיך און די קאַמערן. די טירן פון די קאַמערן זענען געשטאַנען אָפן, די אייזעלעך האָבן געהאַפּסלט מיט די פיס. ביי דער קיך־טיר איז געשטאַנען איינע פון זיינע דינסטן און ביי אַ פעסל רעגן־וואַסער אירע לאַנגע שוואַרצע האָר פאַר־קעמט. זי האָט זיך יעדע ווילע די האָר איבערגעקעמט, זיך געוואָרפן מיט די היפטן, מיט איר בויגעוודיקן קערפּער צום פעסל, זי איז געווען אומ־צופרידן מיט איר פאַרקעמטן שריינט, ווייל זי האָט אַריינגעשריען אַ צע־פּיעשטשעטע אין קיך:

— מאַמע, מאַמע, זע נאַר, עס איז גוט?

די מאַמע, די תימנערין, איז אַרויסגעקומען, גענומען דעם קאַם. דאָס מיידל האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און געדריגעט מיט די פיס.

—וואָס איילסטו זיך אַזוי? וואָס ברענסטו אַזוי? שוין, עס האָט זיך שוין געשטעלט דער שבת.

— מאַמע, מאַמע, עס וועט שוין גוט זיין, האַ? יאָ? — האָט זיך די טאָכטער אַ צעפּיעשטשעטע געבעטן.

— יאָ. לויף, פלי, וועסט האָבן אַזאַ סוף ווי דיין מאַמע האָט געהאַט.

די לעצטע ווערטער האָט דאָס מיידל שוין נישט געהערט. זי איז פאַרבייגעלאָפן סאַבאַטין און אים נישט באַמערקט. זי איז געלאָפן צום גאָרטן. אינעווייניק, אויף די שמאָלע סטעזשקעס האָט זי גענומען גיין פּאַמעלעך. זי איז געווען שלאַנק, אַ שמאָלע טאַליע מיט ברייטע היפטן. זי האָט געטראָגן אַ שיין גרין קלייד, מיט אַ גאָלד־קאָליר קאָלנער און מאַנקעטן. זי האָט יעדע ווײַלע געוואָרפן מיטן קאָפּ, מיט די צעפּ, ווי אַ יונג לאָשעקל מיט דער גריווע.

פון דיביימער איז געפאַלן דער בעז און באַדעקט די פאַראַקערטע בייטן, די סטעזשקעס. זי איז געקראָכן טיפער אין גאָרטן, וואו די ביימער זענען זייער געדיכט. די ביימער האָבן פאַרשאָטנט דאָס טאָג־ליכט, די נידעריקע עפּל־ביימער, אויסגעקרימטע, זענען שוין געווען באַדעקט מיט גרינע יונגע בלעטלעך, ווי פליגעלעך פון יונגע טויבן. טשאַטעס טשיריקעס זענען רעשיק דורכגעפלויגן און זיך ערגעץ מיטאַמאָל באַזעצט אויף אַ בוים.

ביי אַ געפלאָכטענעםביידל מיט בענקלעך אַרום האָט זי זיך אויפגעהויבן דאָס לאַנגע קלייד און זיך אויסגעצויגן. דאָ אַרום האָבן זיך געוואַלגערט ביטפּאַרענדיקטע קאָרבן, יונגע גרינע צווייגן, קויבערס טיפּע פּאַר געטריקנטע פלוימען, וויינטרויבן, קויבערס מיט קיילעכדיקע צודעקן.

נתן סאַבאַטי האָט זיך געהאַלטן פון דער וויטנס אין שאָטן פון די ביימער. דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט. עס האָט אים דערמאָנט אַ פאַרגעסענע מעשה פון דער שקלאַפין, דער תימנערין, וואָס מען האָט צו אים מיט זעכצן יאָר צוריק געשיקט אַ מתנה פון זיין שווער. די תימנערין האָט מיט זיך געהאַט אַ זויג־קינד, אַ מיידל, אַ ממזרל. די תימנערין האָט מען געטריבן פון דער פאַמיליע, נאָר זי האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן. געטענהט, אַז דער פאָטער איז דער רופא דן סאַרפּאַטי פון פּאַדוא, זיין ווייבס ברודער. זיין ווייב לאה האָט זיך ערשט באַרואיקט, ווען די תימנערין האָט געשוואוירן, אַז דאָס האָט זי בלויז אויסגעטראַכט צו בלייבן מיט זיי. די תימנערין האָט מער קיינמאָל נישט גערעדט וועגן זיין ווייבס ברודער. זי האָט געלעבט אין הויז ווי אַ שטומע, געאַרבעט געטריי און געטריקנט פון יאָר צו יאָר.

איז , הייסט עס, פון דעם זויג־קינד אויסגעוואקסן אַזאַ מויד. ער האָט גאַרנישט באַמערקט. אָט אַזוי האָט דאָס מסתמא אויסגעזען איר מאַמע, ווען דער רופא איז צו איר געגאַנגען ביי זיין שווער אין הויז. נתן סאַבאַטי איז צוגעקומען נעענטער צום ביידל. דאָס מיידל האָט געהאַלטן צוגעמאַכט די אויגן. ער האָט געזען איר קיילעכדיק פּנים מיטן הויכן שטערן. אויפן שטערן האָבן צוויי רויטע בלאָטערלעך געבליט.

ביי נתן סאַבאַטי האָט ס׳האַרץ געקלאַפּט. ער וועט צוגיין נאָענט, זי וועט אויפשפּרינגען, וועלן אַנטלויפן, וועט ער זאָגן: וואָס איז דאָס איילעניש, וואָס טוסטו דאָ אַליין אין גאָרטן? ער וועט מיט איר שמועסן און איר כסדר הייסן דאָ בלייבן. ער איז נאָך נישט אַזוי אַלט, אַ מיידל זאָל פון אים אַנט־לויפן. ער האָט זיך גענומען גלעטן זיין שוואַרצע באָרד. חוץ אַלעם איז זי דאָך זיין דינסט. וואָס איז דאָ שייך אַנטלויפן. איין קרום וואָרט, און ער שליידערט זי אַרויס פון הויז.

פּלוצים איז ער געבליבן שטיין. פון דער צווייטער זיים האָט זיך אַ צוויַיג איבערגעבראָכן. ווער ווייסט, אפשר איז דאָס זיין זון שלום וואָס קריכט דאָ אַרום מיטן ספר און אפשר איז די מויד פאַרקראָכן צו מאַכן זינדיקן זיין שלומען? וואָס קען מען וויסן? דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווייט פון בוים . . .

דער תימנעריינס טאָכטער האָט פון שאָרך זיך אויפגעכאַפּט, אומרואיק געדרייט מיטן קאָפּ און זיך ווידער אָוועקגעלייגט.

נתן סאַבאַטי איז געשטאַנען שטיל הינטער אַ ברייטן באַרנבוים. עס האָבן זיך געהערט טריט. ער האָט פּלוצים אויפגעריסן די אויגן. עס איז געווען זיין זון שלום. ער האָט שטיל אַהער געשפּרייזט מיט זיינע לאַנגע פיס.

ער איז געגאַנגען אין טיפסטע גראָז, מען האָט קוים אַרויסגעזען זיינע ווייסע זאָקן. ער האָט אַריינגעבויגן זיין געקרייזלטן קאָפּ אינעוויניק אין ביידל אַריין. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס ספר אין אַ קאָרב און מיט די הענט איר צוגעדעקט די אויגן. דאָס מיידל האָט ווי אַ צאַפּלנדיקער פיש זיך אויפ־געכאַפּט.

— אָט, שלום, דו ביסט דאָס! כ׳ווייס — האָט זי געזאָגט און אַרומ־געוויקלט אירע הענט אַרום זיין נאַקעטן האַלז. ער האָט צוגעדריקט זיין פּנים צו אירס אין אַ לאַנג שטילשווייגן.

— ווי שיין דו זעסט היינט אויס — האָט ער געשמייכלט.

באַלד האָט ער זיך אומרואיק אויפגעכאַפּט:

— היינט באַנאַכט קום דאָ אַרויס; מיין טאַטע וואַרט אויף מיר איצט.

— דו וועסט שוין נישט אַוועקפאָרן. זאָג מיר. איאַ דו וועסט נישט.

שלום האָט מיט זיינע לאַנגע פינגער זיך גענומען שפּילן מיט די שפּיצן

פון זיין קאַלנער. זיין פּנים איז געווען צעפּלאַמט, די שוואַרצע רינגען הינטער זיינע אויגן טיפער:

— יאָ, איך מוז. מיין האַרץ באַגערט לערנען, ניט האַנדלען. איך וועל דיך אָוועקנעמען צו מיר קיין פּאַדוא. מיין פעטער וועט מיר העלפן.

נתן סאַבאַטי האָט שוין לענגער נישט געקענט אויסהאַלטן. ער האָט זיך אָפּגעריסן פון בוים.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ „הייזל" ביי מיר אין הויז?

דאָס מיידל איז ווי אַ קאַץ אויפגעשפּרונגען, געלאָפן רעכטס, אַוועק צום פּלויט. דאָרטן האָט זי ווי אַ דערשראָקענע קאַץ זיך געדראַפּעט און אַריבערגעקראָכן. שלום איז דאָ געבליבן שטיין, איינגעבויגן מיט אַ בלייך בושהדיק פּנים.

— קום — האָט דער פאָטער געזאָגט און ער האָט זיך גיך געלאָזט צום הויז. — דאָס וויל נאָך פאָרן לערנען. אָט וואו זיין קאָפּ ליגט מיט פּלענער. אַ גאַנצער מאַן געוואָרן. קוים זיבעצן יאָר אַלט, איצט וועט ער זוכן אַ תּכלית פאַר אים. חתונה מאַכן און אַרויסיאָגן די משוגענע פייגל פון זיין קאָפּ. און זי, די חצופה, וועט פליען. נאָענט פאַרן הויז איז אים אַנטקעגן געקומען די אויסגעדאַרטע תּימנערין.

— מר סאַבאַטי, מרת לאה האָט מיר געשיקט אייך זאָגן, אַז אַ פישער־מאַן וואַרט אויף אייך ביים הויז.

— גייט מיר פון די אויגן, נאַפקעס, חצופות, איר האָט געמאַכט פון שווערס הויז, און פון מיינס, נאַפקעס־הייזלעך.

די תּימנערין האָט זיך אַן איינגעשרומפּענע גערוקט צו די קאַמערן און מיט דערשראָקענע אויגן געקוקט אין דער געדיכטעניש פון גאָרטן אַריין.

ביי דער טיר פון קיך איז געזעסן דער פרעמדער מאַן. ווען סאַבאַטי איז אָנגעקומען, האָט זיך דער פרעמדער אויפגעשטעלט. דאָס איז געווען אַ געוואַלדיק־הויכער מאַן מיט אַ הוט אויפן קאָפּ, ווי אַ זעקעלע מיט אַ טרעלזל. אויף איין אויער האָט אים נאָכגעהאנגען אַ קופּערנער רינג. ער האָט געהאַט לאַנגע וואַנצעס אויף די ברייטע ליפּן, אַזעלכע גרויסע אויסגעצויגענע וואַנצעס ווי מייזן־עקעלעך. ער האָט אויסגעשפּיגן פון מויל, קרומלעך פוןביידע מויל־ווינקלען און געוויזן אַ מויל מיט געלע, פאַרפוילטע ציין, ווי פאַר־זשאַווערטע טשוועקעס.

— מיטן האַר סאַבאַטי אַליין וויל איך רעדן — האָט ער מיט העזהדיקע שלעכטע אויגן געקוקט אויף שלומען. שלום איז אַריין אין שטוב.

דער פרעמדער האָט צעעפנט זיין ארומגעגאַרטלטן כאַלאַט און מיט אַ פינגער אָוועקגעשטעלט די האַנט אויף דער ברוסט. אויף דער ברוסט איז

געוועו אויסגעברענט א קאפ מיט אויגן־לעכער מיט צוויי ביינער ווי א קרומער צלם פון הינטן. סאבאטי האט פארביסן א ליפ.

— וואס איז דעם הארס פארלאנג?

— מיר זענען דא מיט א קליינער צאל שקלאפן אויף א שיף.

נתן סאבאטי האט געשמייכלט אין פארלעגנהייט:

— צו וואס־זשע איז דער שליח צו מיר געקומען. דו דארפסט וויסן, אז דער קלויסטער האט אונז פארבאטן צו האלטן שקלאפן. מיר זאלן זיי נישט יידישן.

ער האט זיך אויסגעדרייט מיטן פנים צו דער שטאט, בארג־ארויף צו די גערטנער. דארטן האבן נאך מענטשן געפירט אקערס, מענטשן באוואק־סענע, אין פארשטויבטע קליידער.

— אט דארט דער סוחר גאלעאזוא, דער סוחר אלפאנא.

דער פרעמדער ים־רויבער האט זיך אפגעקערט פון בארג און מיט רוגזה געזאגט:

— איך בין נישט געקומען נאך קיין עצות. מיר האבן פארכאפט אייערע ברידער פון געמיינע הענדלער. מיר וועלן זיי פארקויפן ביליק.

סאבאטי האט אים א דערשראקענער אנגעקוקט. ער האט אראפגעלאזט דעם קאפ. א גרויס אומגליק גייט אויף די קהילות ביים ים־ברעג. זיי וויסן שוין די גוטסקייט פון די יידן צו זייערע געטריבענע ברידער. א נייע פרנסה האט זיך געעפנט פאר די ים־גזלנים, מען דארף זיי פארטרייבן, נישט ריידן מיט זיי.

— מיר האבן אלטע חכמים, שיינע כלות און יונגע גבורים צווישן זיי. מיר האנדלען ביליק — פינף און צוואנציק דוקאטן א שטיק.

סאבאטי האט זיך אנגענומען מיט כוח און זיך סוחריש צעלאכט:

— קלוגער מאן, פארשטיי, פאר איין דוקאט וועט דא זיי אויך קיינער נישט נעמען.

סאבאטי האט זיך אפגערוקט, אויסגעהאלטן דעם שארפן בליק פון דעם רויבערס שמאלע שלעכטע אויגן.

— די זון וועט באלד פארגיין, עס ווערט שבת. אונזער קהילה איז קליין. פארציט אייערע זעגלען קיין פיזא, דארט זענען דא גרויסע מנדבים, וואס וועלן הערן אייערע רייד.

דער פרעמדער האט ווידער אויסגעשפיגן, נאר נישט ווי פריער. דאס שפייעכץ איז געקומען פון מיט־מויל, עס איז געפאלן לעבן סאבאטיס פיס. סאבאטי האט זיך ווייטער אפגערוקט, זיך פארנויגט און פארשוואונדן אין שטוב אריין.

III

עס האָט געגומען טונקל ווערן. די זון האָט זיך אַרונטערגעלאָזט הינטער דער באַרג־שטאָט, דער בראַנדיק־רויטער מערב האָט זיך געלאָשן, די ווייסע וואָלקנס האָבן פאַרלוירן זייער ראָזעווע פלאַמיקייט. דער הימל איז געוואָרן בלאָער, טיפער, טונקעלער בלאָ. אין די לאַנגע סינאַגאָגע־פענצטער האָבן זיך באַוויזן פלעמלעך פון אָנגעצונדענע ליכט. באַלד האָבן זיך פון אַלע הייזער באַוויזן ליכט־פלעמעלעך.

נתן סאַבאַטי מיט זיין זון זענען געגאַנגען צו דער סינאַגאָגע. ביידע האָבן געטראָגן טונקעלע טוכענע הוטן. סאַבאַטי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ברייטן געפאַלדעוועטן כאַלאַט, וואָס ער האָט אונטערגעהאַלטן מיט דער האַנט כדי נישט אויסצוקערן די גאַס. זיין זון שלום האָט געהאַלטן אַראָפגע־לאָזן דעם קאָפּ, און מיט פאַמעלעכנדיקע טריט נאָכגעשפאַנט דעם פאָטער. סאַבאַטי איז נישט געגאַנגען אַזוי פעסט־האָפערדיק ווי אַלעמאָל, ער האָט אַפילו נישט געשטראָפט זיין זון. סאַבאַטי האָט נאָך אַלץ געזען פאַר זיך דעם גזלן ווי העזהדיק ער האָט אים אַ שפּיי געטאָן פאַרן פנים. ווער ווייסט, צי דערמיט וועט זיך עס ענדיקן. צי זאָל ער דערציילן דעם רב? אָדער אינגאַנצן שווייגן. נישטאָ אַפילו מיט וועמען זיך איבערצורײדן. אָט גייט לעבן אים אַ זון אַ בן־סורר־ומורה, וואָס פאַרצייטנס האָט מען אַזעלכן פאַר־שטיינט. דער פאָטער האָט זייטיק געקוקט אויף דעם זונס פאַרעקשנטער לאַנגער גאָמבע. אויף זיין אויבערשטער ליפּ און באַקן האָבן שוין ביי אים געשפּראָצט שוואַרצע ווייכע הערלעך. דער פאָטער האָט געשמייכלט: אַ גאַנ־צער מאַן געוואָרן. ער וועט אָבער דעם עקשן פון אים אַרויסקלאַפּן. ווילסט לערנען? גוט. אָבער נאָר דאָ אין הויז, מיטן וואָרעמסער רב. נישט דעם פעטער דנס תורהס. איידער וואָס, ווען, ער גייט שוין אין דעם פעטערס דרכים . . .

זיי זענען געגאַנגען פאַזע דעם פּלויט פון זייער גאָרטן. אַנטקעגנאיבער האָט זיך געצויגן דער גאָרטן פון זייער שכן, יחזקאל יספע, דער פלאַנטאַטאָר. דאָרטן לעבן יחזקאלס פּלויט האָבן שפּאַצירט יחזקאלס ווייב מיט דער טאָכ־טער. די מוטער מיט דער טאָכטער האָבן געטראָגן טונקל־זיידענע קליידער. אויף דעם אַקסל ביי דער מיידל האָט נאָכגעהאַנגען אַ געל מאַנטעלע מיט קורסען פון רויכוואַרג. די מוטער איז געווען נידעריק, מיט אַ געגווידערט פּנים. די טאָכטער — דיקלעך, מיט אַ בלאַס, גרויס געזיכט.

סאַבאַטי האָט זיך דערמאָנט, אַז שוין אַזוי דער דריטער פרייטיק ווי די מוטער וויל זיך באַווייזן מיט איר טאָכטער. עס איז אים מיטאַמאָל געפעלן

געוואָרן. גאָרנישט קיין שלעכטע זאַך. נאָך מאָרגן שיקט ער אַריבער דעם רב. דער פֿאָטער באַטראַכט שלומען. שלום האָט, ווי פֿריער, געהאַלטן אַרונטערגעלאָזן דעם קאָפּ. אויף זיין פּנים איז געווען אַ ביטערע גרימאַסע. סאַבאַטי האָט אים אַ פֿרעג געטאָן:

— וואָס פֿאַרקרימסטו זיך אַזוי? האָסט צאָן־ווייטיק? שכנים דאַרפֿן אויך קענען דיינע סוגיות?

ביים סוף גאָס האָבן זיי אָנגעטראָפֿן די תּימנערין שלעפּן די טאָכטער ביי די האָר. דאָס מיידל האָט געהאַלטן דאָס פּנים פֿאַרדעקט מיט די הענט. ווען די תּימנערין האָט באַמערקט נתן סאַבאַטין מיטן זון האָט זי גענומען שלאָגן דאָס מיידל איבערן קאָפּ, זייטן. דאָס מיידל האָט נישט געוויינט, זיך געריסן מיט אַלע כּוחות צו אַנטלויפֿן.

— וואָס אויף מיין האַרץ, זאָל אויסגיין צו דיין קאָפּ; וואָס האָסטו געטאָן? זאָג, מויד. אַ מויד ווי דו דאַרף וויסן דיין שטאַנד.

אַן אָרעמע יידענע אין אַן אָפּגעבליאַקעוועט קלייד איז צוגעלאָפֿן און איינגעהאַלטן די תּימנערין:

— ביסט משוגע געוואָרן, נעמי? אַזאַ שטיל קינד. וועסט דאָך זי ממיתן.

די תּימנערין האָט מיט אַ פֿאַרוויינט קול געענטפֿערט:

— שטיל איז זי? וואָס ווייסט איר, וואָס פֿאַרשטייט איר?

צוויי שפּינער־יונגען אין גאַרענע סערדוטלעך, מיט געלבלעכע באַקן־באָרדלעך, האָבן אונטערגעגעבן היץ:

— לאָז זיך נישט, כּלה, דערלאַנג צוריק.

דאָס מיידל האָט זיך אויסגעריסן, אַנטלאָפֿן, זיך אַרויפֿגעדראַפּעט אויפֿן פּלויט פֿון גאָרטן און רוגזהדיק געשריען מיט אַ פֿאַרבלוטיקט מויל:

— כ׳האָב נישט קיין מורא, איך האָב נישט פֿאַר קיינעם קיין מורא.

זי האָט אָבער גלייך דערזען דעם באַלעבאָס סאַבאַטי מיט שלומען. האָט זי פֿאַרדעקט דאָס פּנים און מיט אַ שטילן געאייל, ווי אַ פֿאַרוואונדעטע חיה, אַנטלאָפֿן אין גאָרטן אַריין.

סאַבאַטי האָט פֿאַרקערעוועט צו אַ שמאָל געסל, באַרג־אַרויף צו דער סינאַגאָגע. סאַבאַטי האָט געמיטלעך אָפּגעזיפֿצט. שלום איז געווען בלייך. עס האָט אים פֿאַרקלעמט ביים האַרץ. דער פֿאָטער האָט נאָך דערצו געזאָגט:

— זי איז אַ ממזר און אפשר אַ יתומה. ווי לאַנג איז, אַז דו האָסט גע־לעקט האָניק פֿון טאוול, איידער דו האָסט גענומען לערנען חומש. אַ ייד מעג דאָס געדענקען: „לא יבוא ממזר בקהל אדני“.

סאַבאַטי האָט נאָכדעם ווייך אָפּגעזיפֿצט און געזאָגט:

— מיט גוטע רייד דאַרף מען אַן אָרעם קינד נישט פאַרפירן, נישט פאַרשעמען שפּעטער. עס איז אַ צער בעלי־חיים.

פון אַלע זייטן האָבן די יידן שוין דאָ אַהער געשפּאַנט, אויסגעפּוצטע יידן, מיט ווייסע קאָלנערס אַריבערגעוואָרפן איבער זייערע כאַלאַטן. טייל האָבן געטראָגן הילצערנע זוילן אויף די שיך צוגעבונדן, און האָבן הילכיק, גאַווהדיק געקלאַפּט. די סינאַגאָגע איז געווען אַרומגעצוימט מיט אַ גערטנדל. די טויערן זענען געשטאַנען צעעפנט. ביים אַריינגאַנג איז געווען אַ נישט־געוויינלעכער טומל. די מענטשן האָבן זיך געאַמפּערט, סיי אינדרויסן אויף די טרעפּלעך, סיי אונטן אין דער סינאַגאָגע.

נתן סאַבאַטי איז צוגעקומען. עס איז געוואָרן אַביסעלע דרך־ארצדיק שטילער. דאָס יונגוואַרג, עלטערע, די וואָס האָבן געטראָגן הילצערנע שיך, האָבן זיך אויסגעטאָן אין פּאָליש. אַנדערע האָבן אין דער זייט ביים האַנטפּאַס זיך געוואַשן די הענט און אָפּגעקראַצט די זוילן ביים אייזערנעם קראַצער, אַריינצוגיין מיט ריינע שיך אין דער סינאַגאָגע.

אויפן באַלעמער ביים בלאָען סאַמעטענעם טישטעך מיטן מגן־דוד, איז געשטאַנען דער שמש און תקיפותדיק געקלאַפּט מיט אַן אויסגעבעט האָלץ, מיט אַ לעדערנעם מענטעלע באַצויגן. יעדער קלאַפּ האָט מיט אַ ווידער־קול אָפּגעהילכט אין דער הויכער סינאַגאָגע.

— קבלת־שבת, יהודים. נו, נו — האָט דער שמש דערמאָנט.

— פּקוח נפש שטופּט אָוועק שבת — האָט אריה מאַגדנבורגער אַרויפ־געשריען.

— שווייג! עזות־פּנים, דעה־זאָגער, צאָלסט אינגאַנצן קאָפּ־שטייער בסך־הכל — האָט מען פון מזרח־וואַנט געענטפערט.

סאַבאַטי האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז די קהילה ווייסט שוין וועגן די גע־פאַנגענע יידן. ער האָט זיך שנעל צוגעשאַרט צו מזרח. דאָרטן האָט זיך דער רב געבעטן מיט אַ פרום שוואַך קול:

— נו, נו, מנחה, עובר, מנחה.

צום סוף האָט ער אַ פאַרלוירענער אַרויפגעקוקט צו די שויבן און מיט אַ זיפץ זיך אַליין, ביחידות, גענומען וויגן מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ און פאַרמאַכטע אויגן.

— זאָלן זיך די ראשי־הקהל אַריינמישן — האָט סאַבאַטי געהערט היג־טער זיך הויך רעדן. סאַבאַטי האָט געשוויגן. זיי קאָכן זיך, די קבצנים, עס מיינט געלט, אוצרות געלט. ווי קען זיך אַזאַ קליינע קהילה פאַרגינען די מצווה פון פּדיון־שבוים? ניין, ער האָט זיך נישט געהאַט וואָס אָפּצורופן. דאָ, ביים מזרח, האָט אויך געדאַוונט דער רייכער גערטנער יחזקאל יספע,

ער איז געשטאַנען ביים סאַמע אָרון־קודש, אַ ברייטער, און געקוקט מיט דערצאָרנטע אויגן אויף די יידן, וואָס לאָזן נישט דאַוונען.

— כ׳וועל מיר מאַכן אַ מנין אין הויז און מער נישט געבן אַ פּרוטה פאַר דער סינאַגאָגע — האָט ער געזאָגט.

מיינסטנס איז מען געשטאַנען ביי די טירן. יידן מיט פּנימער, וואָס די פאַרב האָט זיי נישט געקענט אַרויסגיין אפילו פרייטיק נאָך דער באָד. יידן ברייטע, מיט שווערע פאַרפּראַצעוועטע הענט. מעטאַל־גיסער, שווערדן־שאַרפער, שמידער. אויך אַ פּאָר אויסגעדאַרטע שניידער מיט הויכע גע־הויקערטע פּלייצקעס. זיי האָבן זיך נישט געאיילט מיטן דאַוונען.

— מיר גיבן טאַקע בלויז קאָפּ־שטייער, אָבער יידן זענען מיר.

— מיט וואָס זענען מיר זיכער אין אַן עת־צרה, אַז יידן וועלן נישט האָבן קיין רחמנות, וואָס קען מען שוין פאָדערן פון פרעמדע.

— מיר וועלן זיי געבן עסן, ס׳לייב זיי אַוועקגעבן.

די יידן האָבן אַהין געקוקט צום מזרח. דער מזרח האָט געשוויגן. דער מזרח האָט אַהער געשיינט מיט אויסגעשייערטע זילבערנע טאַצן וואָס האָבן אַראָפּגעהאַנגען פון די קאָלומנעס ביים בעלעמער. אויבן אויפן בעלעמער אַליין, זענען געשטאַנען קרוינען פון ספר־תורות. גאָלדענע קרוינען אויס־געפלאָסטערט מיט טייערע דימענטן, שמאַראַגדן און אַלערליי אַדלשטיינער, וואָס האָבן געמיניעט מיט אַלערליי קאָלירן.

שלום האָט זיך אָפּגערוקט פון פאָטער, זיין האַרץ האָט אים געקלאַפּט. ער האָט זיי עפּעס געוואָלט זאָגן, די יידן, צו וועמען זיין האַרץ האָט געצויגן. עס האָט אים געקרענקט זיין פאָטערס שטילשווייגן. דאָס האַלטן אים אין הויז, ווען ער שטרעבט צו פאַרן לערנען, דער צער פון נחמהן, דער תימנערינס מיידל, אַלץ האָט מיט אַמאָל געגומען אין אים אויפברעכן. וואָס שטייט ער, דער פאָטער, אַריינגעטאָן אין תפילות, ווען עס האַנדלט זיך וועגן ראַטעווען אַן עדה יידן. ער האָט זיך גענומען שאַרן לעבן דעם בעלעמער, נעענטער צו דער טיר, דאָרטן האָט ער געזאָגט אין דעם געזעמל אַריין:

— די יידישע קהילות אין קאָרפו אין קאַנדיא האָבן פאַרקויפט זייערע גאָלדענע, זילבערנע כלים פון דער סינאַגאָגע פאַר פדיון־שבוים.

די יידן האָבן אויפגעכאַפּט זיינע שטילע רייד.

— הערט כאָטש, יידן בני־רחמנים — האָבן די פּראָסטע, שווייגנ־דיקע יידן גענומען שרייען און געקוקט אויף די קרוינען, אויף די זילבערנע טאַצן.

— וואָס דאַרף מען אַזויפיל זילבער דאָ, אין קאָסטנס — גאָט וויל נישט קיין עגל־הזהב.

— לאָמיר זיי פאַרמשכנען.

די יידן האָבן זיך געלאָזט צום מזרח. וואָס נעענטער זיי זענען צוגעקומען, אַלץ שטילער זענען זיי געוואָרן. די וואָס האָבן געהאַט משכנות ביי סאַבאַטין, זענען געגאַנגען פון הינטן. מיכאל דער שמיד האָט נאָך שווערער, ברוגזער, געהאַלטן אַרונטערגעלאָזט זיין הינטערשטע ליפּ. נתן סאַבאַטי איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויסגעדרייט. די יידן זענען צוגעקומען. רב יהודה פון פּאָרטוגאַל, אַ שפּינער, אַ ייד מיט אַ קליין וואָרשטאַטל און אַ חשוב, האָט זיך אַרויסגערוקט.

— מיר בעטן אַ הלוואה, פאַר אַ משכן גיבן מיר דיר די הייליקע חפצים.

נתן סאַבאַטי האָט זיך איינגעהאַלטן נישט אַרויסצופּלאַצן מיט אַ געבייזער. צעשמעטערן וועט ער אים, זיין זון, אין דער היים. קיינער אויסער זיין הויז האָט נישט געוואוסט וועגן די קהילות וואָס האָבן אָוועקגעגעבן זייערע חפצים פון דער סינאַגאָגע. ער האָט פון כעס געביסן די ליפּן. אַז ער האָט זיך צוריק איינגעשטילט, האָט ער זיך אויסגעדרייט:

— ראשית, נעם איך נישט קיין הייליקע קרוינען פאַר משכנות. צווייטנס, מיר, די ראשי־הקהל וועלן דאָס אם־ירצה־השם נאָך שבת באַטראַכטן.

— שטעלט זיך דאַוונען, יידן — האָט דער שמש אַ געשריי געטאָן.

— ניין, ניין, יידן ווערן געפּייניקט, ווי די עשרה הרוגי־מלכות — האָט מיכאל פון אונטן אַרויפגעשריען — קומט, קומט, איך וועל אייך ווייזן.

די יידן האָבן זיך מיט אַן אימפּעט אַרויסגעלאָזן פון דער סינאַגאָגע.

נתן סאַבאַטי האָט שוין געזען אויך זיין זון אַרויסלויפן מיט די יידן, ער האָט גענומען שרייענדיק נאָכלויפן:

— איר מאַכט זיך חרוב. איר מאַכט חרוב אונזערע קהילות. ווער וועט צאָלן פאַר זיי קאָפּ־שטייער? — אָבער קיינער האָט אים שוין נישט געהערט אויסער דער רב, וואָס איז געשטאַנען אַ צעטומלטער און געזאָגט מיט אַן איכה־ניגון:

— חורבן בית־מקדש, חורבן.

נתן האָט זיך געלאָזט נאָכלויפן די יידן. זיי זענען געלאָפן מיט דער גאַס־אַראָפּ, זיך פאַרקערעוועט צווישן די גערטנער, נאָכדעם ווידער באַרג־אַראָפּ, נעענטער צו דער הינטער־שטאָט. דאָ זענען געלעגן ליידיקע באוואַקסענע שטחים מיט משופּעדיקע שטיינערנע סקאַלעס.

פון ים האָט געיאָגט אַ קילער ווינט. די לבנה, אַ רויטע, ווי אַ צעגליטע טאַץ, האָט זיך אויפגעהויבן פון ים אַרויס.

אַ שטיק פאַס פון ים קעגן לבנה־ליכט האָט זיך געזען לייכט כוואַליען, געפּליעסקעט ווי אַ פאַרבלוטיקטער גרויסער פיש מיט גלאַנציקע רויטע שיפּן.

נאַענטביים לבנה־ליכט האָט זיך רואיק געוויגט אַ זעגל־שיף מיט אַראָפּ־געלאָזטע זעגלען.

די יידן זענען אַראָפּגעגאַנגען האַרט צום ברעג. דאָ ביים ברעג האָבן די וויגנדיקע כוואַליעס זיך געשוימט, ראַשיק צוגעפאַלן צו די שטיינערנע שפּיצן און זיך צעשלאָגן אויף מיליאָסן שטראָמעלעך.

פון דער שיף האָט זיך געהערט אַ שטיל יאָמערלעך געוויין. דאָס געוויין איז געקומען פון אונטער די דעקן. אַ יונגע שטאַרקע שטימע האָט יעדע ווײַלע אַ געשריי געטאָן און עטלעכע שטימען האָבן מיט רעש אונטער־געכאַפּט:

— הנשמה לך, והגוף שלך — זיי האָבן געזאָגט סליחות.

די יידן ביים ברעג זענען געשטאַנען שטיל. טייל האָבן שטיל געכליפּעט, זיך געוואָרגן מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם געוויין אין די גאָרגלען.

די לבנה האָט זיך געהויבן העכער. געוואָרן גלעלער און ליכטיקער. דער בלאָער ים — צעהעלטער. די שיף האָט אַראָפּגעלאָזט אַ קליין שיפל. דאָס קליינע קאַנו־שיפל האָט זיך גענומען וויגן אין דעם זילבערנעם שטראָם נעענטער צום ברעג.

צוויי ים־רויבער מיט טרעלזדיקע זעקעלעך אויף די קעפּ זענען געזעסן און געדודערט מיט דעם שיפל. איינער האָט אויסגעשריען:

— מיר געבן אייך זיי אָוועק ביליק, און די טויטע אומזיסט.

די יידן האָבן זיך אָנגעכאַפּט איינער אָן אַנדערן נישט אומצופאַלן.

— מיר זענען אָרעם, מיר קענען קוים אונזערע עופהלעך דערנערן — האָט מיכאל צו זיי גערעדט.

די צוויי רויבער האָבן גענומען לאַכן, ווי שיכורים, און צוריק געדודערט. זיי האָבן זיך מיט שטריק אַרויפגעכאַפּט אויף דער שיף. באַלד האָבן זיי פון אונטערן דעק אַרויפגעפירט אַ גרופּע געבונדענע מענטשן. מערסטע יונגע מענטשן, דערשלאָגענע, מיט פאַרבונדענע קעפּ. עס איז דאָ אויך געווען אַ הויכער זקן, מיט אַ לאַנגער זילבערנער באָרד, עטלעכע מיידלעך, מיט אָפּגע־פליקטע שמאַטעס אויף זייערע לייבער. צוויי רויבער האָבן צוגעטראָגן צום ראַנד פון שיף אַ פאַרדעקטן מענטשן און אים אַ שליידער געטאָן אין ים אַרײַן. דאָס וואַסער האָט אַ הילכיקן פּליעסקע געטאָן און עס איז ווידער שטיל געוואָרן.

די יינגערע האָבן זיך אָנגעכאַפּט מיט צעבלוטיקטע הענט אין די שטריק, און פון זייערע מײַלער האָט זיך געריסן אַ שטילער געהייל.

באַלד האָבן עטלעכע רויבער מיט שטריק זיי גענומען בייטשן איבער די

לייבער. די יידן זענען אומגעפאַלן. זיי האָבן נישט אויפגעהערט שלאָגן מיט פאַרביסענער רציחה און געוואָרנט:

— שטייט, מיר וועלן אייך אַלע אויסהרגענען. שטייט.

די יינגערע האָבן זיך אָנגעכאַפּט מיט צעבלוטיקטע הענט אין די שטריק, אין פאַרענטש און געשריען:

— ראַטעוועט! ראַטעוועט!

איינער פון די רויבער האָט אַרויסגעכאַפּט אַ מעסער פון גאַרטל, אָנגעכאַפּט אַ פאַרבלוטיקטן יונגנמאַן ביים אויער, אַ פאַכע געטאָן מיטן מעסער. דער אויער איז אים געבליבן אין האַנט. ער האָט דעם אויער גענומען שאָקלען אין האַנט צו די יידן ביים ברעג.

— נאָט, מאַכט טשאָלנט, מיר וועלן אייך געבן נעז, אויערן.

דער ייד האָט געברילט, זיך פאַרפלייצט מיט בלוט און געפאַלן צום דעק.

שלום איז אַריבערגעשפּרונגען די שטיינער, געקראָכן ביזן גאַרטל אין וואַסער אַריין.

— וואַרט, וואַרט, איר מערדער, מיר האָבן זילבער, גאָלד, הייליק גאָלד, מיר וועלן אייך געבן גאָטס פאַרמעגן.

מיכאל דער שמיד איז אים נאָכגעשפּרונגען. אויף דער שיף איז געוואָרן שטיל. דאָס שיפל האָט זיך ווידער אַראָפּגעלאָזט.

שלום האָט זיך גיך אומגעקערט צום ברעג. די יידן האָבן אים, ווי אַמאָל זיין טאַטן, געמאַכט אַ דורכגאַנג. יחזקאל יספּע האָט אים פאַרהאַלטן:

— זאָלסט נישט נעמען מיינע מתנות, עס וועט זיין שפיכת־דמים.

מיכאל דער שמיד האָט יחזקאלן אָפּגעשליידערט פון וועג. שלום האָט געשריען:

— קומט, יידן, נעמט די קרוינען פון בעלעמער, פון די קאַסטנס ס'זיל־בערוואַרג, קומט!

יחזקאל יספּע האָט זיך, אַ צעקלאַפּטער פון די שטיינער־שפּיצן, שווער אונטערגעהויבן און נאָכגעשריען:

— פּושע־ישראל!

נתן האָט אים אונטערגעהאַלטן, יחזקאלן:

— איך וועל אים אויסמעקן פון מיין געביין. זיין ירושה וועל איך צע־טיילן פאַר צדקה, און זיין געדעכעניש זאָל אויסגעמעקט ווערן פון די בני־ישראל.

1938

פאַר דער שחיטה

עס איז געווען דער לעצטער טאָג פסח. אַ גראָער פאַרכמורעטער אַפּריל־טאָג. אַ ווינט האָט זיך געטראָגן מיט אַ קאַלטן ציטער איבערן שטאָט.

אין דער אויפגערוימטער שטוב ביי ישראל קצב, איז געווען וואַרעם. ביים איבערגעדעקטן טיש איז געזעסן ישראל קצב און געזאָגט תהלים. זיין הייזעריק קול האָט טרויעריק אַריינגעווײנט אין סידור. זיין ברייטער קערפּער איז געווען אַרומגעגאַרטלט, דאָס לאַנגע פּנים מיט דער ווייכער, בלאָנדער באָרד אויסגעבלייכט. ער האָט מיט די שווערע פינגער געשאַרט ביי די שורות. די אותיות האָבן אים גענומען שווינדלען פאַר די אויגן. ישראל קצב האָט מיד אַרונטערגעלאָזט די וויעס. אַזאַ פאַר־פסח, ווען דער מינדסטער אָרעמסטער מענטש קויפט אַ שטיקל פלייש, ווער עס דערהאַלט אַ דאָלער פון אַ קינד אין אַמעריקע, ווער פון צדקה, שייך צו זאָגן פאַר פסח אָן אַ שטיקל פלייש, — דווקא פאַר פסח האָט מען די קצבים נישט געלאָזט קוילען.

אין דרויסן האָט אַ שווערער וואָגן זיך געשלעפּט אויף דער שטילער גאַס. פון דער שווערער משא האָבן אַזש די שויבן אונטערגעציטערט. שוין מסתמא ווידער אַ וואָגן פלייש פאַרן קיילער טאַלפּיגע. ווער דען וועט דאָס יום־טוב דורכפאָרן דורך דער בערעק יאַסעלעוויטש גאַס?

ישראל קצב האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעשטעלט און צוגעגאַנגען צום פענצטער. ער האָט אויפגעהויבן די פאָרהאַנג. יאָ, ער האָט געטראָפן. אונטן, האַרט ביים ראָג, וואו די גאַס פאַרקערעוועט זיך צום מאַרק, איז דער וואָגן געבליבן שטיין. רויטע זאַדקעס מיט בלאָע שטעמפּלען האָבן אַרויסגעשטייגט פון אונטער די רונדיקע איבערדעקן. דער קיילער טאַלפּיגע, אין אַ פאַר־בלוטיקט שמוציק פאַרטעך האָט גענומען טראָגן גאַנצע קעלבער, אָפּגעשונ־דענע קעלבער מיט אַרויסגעזעצטע בלאָע אויגן. ער האָט זיך נישט געאיילט, טאַפּליגע. פּאַמעלעך האָט ער זיי געטראָגן צו זיין געוועלב מיט די גרינג־געפאַרבטע טירן. יידן, יום־טובדיק אָנגעטאָן, האָבן דורכגעאיילט און פאַר־קערעוועט די קעפּ. טאַלפּיגעס משרת, אַ יונג מיט אַ רויט אָפּגעקרילט פּנים, איז צוגעלאָפן צו אַ דורכגייענדיקער ייִדענע, איר געשטופּט צום פּנים די

אפגעזעגטע מאָרדע פון אַ חזיר. די יידענע האָט געהויבן די ספּאָדניצע, געלאָפן ווי פון אַ פייער.

ישראל קצב האָט זיך גענומען דרייען איבערן שטוב. אַט פאַרוואָס עס לאָזט אים די מאַכט נישט קוילען, דער קיילער טאַלפּיגע זאָל משוגע רייך ווערן. גויים אָרעמעלייט זאָלן נישט קענען קויפן ביי אים, ישראל קצב, די טריפהנע טיילן פלייש, נאָר מוזן אָנקומען צו טאַלפּיגע. ער, ישראל, וועט נישט לאָזן אומברענגען זיין לעבן. אַז עס וועט אַזוי אָנגיין, וועט ער נישט קענען אויסגעבן זיין איינציק קינד. צו בעטל־ברויט ווילן זיי אים טרייבן. נאָך היינט וועט ער קוילען. ער וועט נישט אָפּלייגן.

פון דער שטאָל און הויף האָבן די צוויי יאַלעווקעס גענומען מעקען אַ טרויעריק צעצויגן מעקעניש. זיי פילן שוין נעבעך, אַז היינט איז זייער סוף. באַלד ווי דער ערשטער שטערן וועט זיך ווייזן, וועט קומען ר' נטע שוחט, איינס און צוויי וועט מען זיי צעטרייבערן, צושיקן אין די הייזער ווי קיינמאָל גאָרנישט. זיי האָבן אים שוין אויפגעגעסן מער וויפיל זיי זענען ווערט, די צוויי קיעלעך.

ישראל קצב איז אַריינגעגאַנגען אין שלאָף־אַלקער און אַרויסגעקוקט אין הויף אַריין. דראַבנע שנייעלעך האָבן איצט געפליטערט אינדערלופטן. טיף אין הויף זענען געשטאַנען די קאַמערן מיט די בהמות, איינגעהויקערטע קאַמערן מיט פאַרזשאַווערטע שלעסער.

אינמיטן הויף איז געשטאַנען זיין „פורגאָן", אַ ליידיקער אָפּגעקראַכענער וואָגן. ישראל האָט שווער אָפּגעזיפצט, וויפיל געשאָכטענע קי, קעלבער, דער „פורגאָן" האָט דאָס אַמאָל געפירט פון שעכט־הויז צו אים אין יאַטקע. אַלע האָבן פאַרדינט, די קצבים־יונגען, דער שוחט, איצט מוז ער באַהאַלטע־נערהייט קוילן צוויי קיעלעך און נאָך איינשטעלן ס'לעבן צו גיין זיצן אַמאָל אין תפיסה.

פון ערגעץ גאָר נאָענט האָט זיך געהערט אַ שטיל געזאַנג. פון גערער חסידים־שטיבל קען דאָס נישט זיין, ווארום עס האָבן געזונגען יינגלעך מיט מיידלעך. וואָס זאָרגן יונגוואַרג? דער טאַטע דאגהט, ברעכט זיך דעם קאָפּ. ער האָט זיך איינגעהערט. עס איז געקומען פון שכנותדיקן הויף. די שטימען האָבן זיך געקאָלערט אַריבער די קאַמערן, זיך געבעטן:

פיר מלחמה, פיר מלחמה
פיר מלחמה, קעגן קריג.

דאָס מוז אוודאי זיין ביי אַבישל שניידער אין הויז. זיין טאָכטער ציליע מוז מסתמא דאָרט אויך זיין. מען זאָל זיי נאָר נישט אַרעסטירן דערפאַר, כאָטש וואָס עס איז די גדולה אויף זיי הויבט ער נישט אָן צו וויסן, ישראל

קצב. אבישלס צוויי יונגען זענען נעכטן געשטאַנען צום פּריזיוו. איינעם האָבן זיי צוגענומען צום מיליטער, דעם ייִנגערן, און דעם עלטסטן, באַפּרייט, ס'הייסט באַפּרייט, גאָר אינגאַנצן. דער יונג וויל איצט אַוועקפאָרן. ער האָט דאָ נישט וואָס צו טאָן, ער זעט נישט פאַר זיך קיין תכלית. יאָ, פאָרן יונג־וואַרג איז דאָ אַ קנאַפּער תכלית. אַז ער וועט קענען קוילען ווי עס געהערט צו זיין ביז שבועות, וועט ער איינרופן אַבישל שניידער. היות דער יונג, דער עלטסטער, דער באַפרייטער, דרייט זיך אַרום צילע, וועט ער אים געבן אויף הוצאות, זאָל ער פאָרן קיין אַרגענטינע, ערגעץ וואו, אַבי ניט דאָ. נאָר פריער, יונגערמאַנטשק, שטעל אַ חופּה. אַזוי וועט ער טאָן, ישׂראל קצב. ער וועט נישט לאָזן זיין קינד דאָ ווערן אויסגעפּייניקט.

פון דער קיך האָט זיך געהערט אַ געררודער. דעם מיידלס בעט האָט דאָרט אַ סקריפּע געטאָן. זי איז, הייסט עס, דאָ אינדערהיים, צילע. זי פאַר־שטייט מסתמא, טאָמער דאַרף ער הילף, וועט זי זיין הינטער דער האַנט. און אפשר איז איר דאָס האַרץ נישט צוגעצויגן צום יונג. ווער ווייסט. ער האָט זי שוין עטלעכע מאָל געטראָפן מיט בעריש צאַלעל וואַלפּס, דעם בעקערס. אַז זי וועט גיין אין יענעמס דרכים, וועט זי, דאַכט זיך, פריער גיין אין קאַנ־צענטראַציע. ער מוז איר וואָס פריער פאַרדעקן דעם קאָפּ און אַוועקשיקן.

ישׂראל קצב האָט אַריינגעשפּאַנט אין קיך. די ראָזעווע פאַרהענגלעך אויף די פענצטער, שענקלעך, האָבן איינגעהילט די קיך אין אַ ראָזעווע טונקל־קייט. אויפן בעט איז געלעגן צילע, דאָס פּנים פאַרנורעט אין קישן. די לאַנגע הענט, ווייסע, פולכבע אויסגעשטרעקט. איר גאַנצער קערפּער האָט גע־אָטעמט שטיל. ישׂראל קצב האָט אַ שמייכל געטאָן. ווען ער האָט נישט מורא, אַז ער וועט זי צעפּיעשטשען, וואָלט ער איר אויסגעקושט יעדן איבר. זי, צילע, האָט אים איצט אויסגעזען ווי איר מוטער, די פאַרשטאָרבענע, אין די יונגע יאָרן, באַלד נאָך דער חתונה. ישׂראל האָט גענומען דרייען מיטן קאָפּ.

— אַ שאָד, אַ שאָד אַוועקצושיקן, אַ גרויסער שאָד.

צילע האָט זיך אויפגעכאַפּט. זי האָט אַ שליידער געטאָן די בלאָנדע האָר הינטער זיך. אַ האַלבע באַק איז ביי איר געווען צעפלאַמט, אָנגעלעגן מיט קנייטשן. צילע האָט אָפּגעווישט די פייכטע ליפּן.

— דו ביזט גאָר אינדערהיים, טאַטע? — האָט זי געפרעגט.

ישׂראל קצב האָט פאַרביסן אַ שטיקל באָרד צווישן די ציין. ער האָט אַריינגעקוקט אין אירע צעפיבערטע, בלאָע אויגן. צילע האָט זיך געלענ־גערט מיט איר בויגעוודיקן קערפּער, זיך מיטאַמאָל פאַרשעמט און אַרייג־געצויגן אירע בריסטן, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך איינגעהויקערט. ווי שנעל דאָס איז צייטיק געוואָרן. אָט ערשט געווען אַ גאָרנישטל, געזעסן

בײם טאָטן אויפן אַקסל, און איצט — אַ גאַנצע פרוי. ישראל האָט אַרויס־געלאָזט דאָס שטיקל באָרד פון מויל.

— באַגלײטסט גאַרנישט דעם יום־טוב? בײ אַבישל שנײדער זינגט מען און דו פּופסט.

צילעס פּנים איז געוואָרן אויסגעלאָשן, בלאַס. די ליפּן האָבן בײ איר געבומען ציטערן, זיך אויסגעקרומט, װי זי װאָלט פאַרזוכט אַ זײער ביטע־רע זאַך.

— מע האָט דיך דאַרט גאַנץ גערן, טאָכטער. איך טראַכט, עס װאָלט געװען אַ גלײכער שידוך.

צילעס בלאָע אויגן זענען געװאָרן גרינלעך. די פליגלען פון דער נאָז — ברײטער. דאָס פּנים איז געװאָרן פול מיט חוזק.

— מיט װעמען דאָס, טאַטע?

— ס'הײסט, מיט װעמען? מאַכט זיך גאָר טאַמעװאַטע? כ'מײן מיטן עלטסטן. כ'װעל שטעלן אַ חופּה, זאָל ער פאָרן, זאָל ער. מיט אַזעלכע גילדענע הענט װעט ער אומעטום קענען געבן אַ װײב פּרנסה.

צילע האָט אַרײנגענומען דאָס פּנים אין די הענט. איר גאַנצער קערפּער האָט זיך גענומען װאַרפן פון געלעכטער. זי איז אומגעפאַלן אויפן געלעגער און געדריגעט מיט די פיס.

— ס'לאַכט פון טאַטן, דאָס קאַלב. מײנסט, כ'װײס נישט, אַז דו שלעפּסט זיך אַרום מיטן קרימענאַלניק. ס'טאָן, װי איך װעל הײסן. דערװײל לעב איך נאָך!

צילע האָט זיך אַ באַרואיקטע אויפגעהויבן, אויסגעװישט די פאַרטרערטע אויגן.

— איך האָב אים נישט ליב, טאַטע, נישט ליב.

— נאַרישע בײקעס, ליב. ביסט אַ יתומה. דאַרפסט דאַנקען גאָט, אַז אַן אָרנטלעכע שטוב װיל דיך אַרײננעמען.

די טיר פון הויז האָט זיך געעפנט. אַבישל שנײדערס טאָכטער, פײגע, איז אַרײנגעקומען. ישראל קצב איז איר אַנטקעגן געגאַנגען.

— גײ טאַקע אַרײן צו איר, װעק זי אויף. אַ שלאָפעניש איז אויף איר געקומען.

דאָס צװאָקסענע מײדל מיט זומער־שפּרענקעלעך אויף דער נאָז, שטערן, איז אַרײנגעגאַנגען אין קיך. אָבער צילע איז שוין װײטער געשלאָפן. אַזוי געשמאַק געשלאָפן, אַז פײגע האָט נישט געהאַט קײן האַרץ זי אויפצוװעקן.

— איך װעל אים אַרײנשיקן. זאָל ער אַלײן, דער בראַטאַק מײנער, זי אויפװעקן.

ישראל קצב האָט זיך גלייך געמאַכט די באָרד, זיך בעסער אָרומגע־גאָרטלט. אינדערוואָכן איז ער טאַקע אַ קצב, אָבער יום־טוב איז ער זיך אַ שיינער באַלעבאָס.

עס איז אַריינגעקומען נחמן, שוויגנדיק אַריינגעקומען. ישראל האָט אים גוט באַטראַכט, צו זען וואָס מען קען דאָ נישט ליב האָבן. דער יונג האָט געהאַט אַ פּאָר מידע, בלאָע אויגן. די אויגן זענען געלעגן אין טיפע גריבלעך מיט שוואַרצע רינגען אונטערגעהאַקט. בלייכע, איינגעפאַלענע באַקן. פון ווייסן שטייפן קאָלנער האָט זיין לאַנגער האַלז מיט אַ שפּיציקן גאָרגל־קנאָפּ, געצאַפּלט ווי מען וואָלט אים געגאַנגען נעמען צו דער שחיטה.

— זעץ זיך, זעץ זיך! — האָט ישראל קצב געזאָגט מיט אַ געבייזער.

— אַ דאַנק, ר׳ ישראל, מיט פאַרגעניגן — האָט נחמן געזאָגט, אָפּ־ווישנדיק דעם שווייס פון שטערן.

— זעסט גאָר שלעכט אויס, דאַרפסט זעען צו נעמען אויף זיך. עס פלייש, אַ סך פלייש, נישט אַ פונטעלע מיט אַ לויט, ווי דיין מאַמע האָט ליב צו קויפן — האָט ישראל קצב נישט אויפגעהערט זיך צו בייזערן. באַלד האָט ער זיך דערמאַנט, אַז אַבישל שניידער איז אַ גרויסער אָרעמאַן, וואָס קען זיך טאַקע נישט פאַרגינען אַ שטיקל פלייש, איבערהויפּט ווען עס איז אַזאַ יקרות.

אינעווייניק אין קיך איז צילע אַרונטער פון בעט. זי האָט מיט די פינגער אויסגעגלעטיקט איר פאַרווינט פּנים. זי האָט אַרויפגעוואָרפן אויף די אַקסלען איר קאָווען־קאָלירטן מאַנטל און שטיל זיך אַרויסגעשאַרט דורך דער קיך־טיר.

צילע האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויפן שוועל פון פעדער־הויז, צו דער בערעק יאַסעלעוויטש גאַס. אַ שטאַרקער ווינט האָט געריסן, געקלאַפּט די נישט־באַפעסטיקטע שילדן איבער די פאַרמאַכטע קלייטן. אַן אויסגעליי־דיקטער סוף יום־טובדיקער אומעט איז געלעגן אויף דער שלאָפנדיקער גאַס. איינצלנע עלטערע יידן זענען געקראָכן אויף די ליידיקע טראָטוואַרן צום בית מדרש הגדול.

פון אַ שמאָל געסל איז אַרויסגעקומען דער הויכער זיינוול אין פאָר־פעצטע קליידער, מיט אַ פאַרשמירט אויליק פּנים, וואָס אפילו דער יום־טוב האָט נישט אָפּגעוואַשן. ער האָט געשלעפּט זיינע שווערע סוטעלעוואַטע פיס, העט אַרונטער דער גאַס. באַלד האָט די פאַבריק גענומען פייפן, זיך גע־טראָגן מיט אַן איינזאַם געוואַי איבער די שטילע הייזער, אַ געוואַי מיט אַ ווידער־קול פון הינטערשטאַטישע ליידיקע פעלדער.

ער האָט זיך אויף אַן אמת אַנגעלייגט אויף איר, דער פאַטער. צוליב דעם, הייסט עס, איז ער געבליבן אין הויז. זאָל ער זיך, נחמן, דאַרטן אויס־

טענהן מיט איר טאַטן, אַבי ער זאָל זי לאָזן צורו. זי האָט גענומען קוקן אויפֿן הימל. באַלד וועט ווערן נאַכט. די גראָע פֿאַרכמורעטע וואָלקנס זענען געוואָרן טונקעלער. פֿון ערגעץ וועט ער קומען אַנצולויפֿן, בעריש, אין זיינע וואַכעדיקע, שלאָסערישע קליידער. ער וועט זיין הייזעריק פֿון די רעדעס אין די געהיימע פֿאַרטיי־קעמערלעך. און אפשר וועט ער נישט האָבן קיין צייט און גלייך לויפֿן אין פֿאַבריק. יאָ, די היינטיקע וואָך האָט ער נאַכט־אַרבעט.

פֿון דער פֿאַניאַטקאָווסקער גאַס האָט זיך שטיל אַריינגעשאַרט דער גע־הים־אַגענט פֿעאָס. ער האָט זיך גערוקט לעבן די ווענט מיט אַ טיף־פֿאַר־דעקטן קאַשקעט איבער די אויגן. ער האָט געוואָרפֿן בליקן אויף די הייזער. ער האָט אַריינגעקוקט אין טויער פֿון „יאַרמיעס האָטעל", אַ שמוציקער הויף פֿון אָרעמע טרעגער, בערשטל מאַכער. ער האָט זיך ווי געקווענקלט, צי ער זאָל אַהין אַריין. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן דעם צוויי־שטאָקיקן גמינע־הויז, פֿון וועלכע די אָרעמע לייט האָבן פֿאַר פּסח אויסגעהאַקט די שויבן פֿאַר נישט קריגן געגוג הילף.

ביי צילען האָט דאָס האַרץ גענומען האַסטיקער קלאַפּן. טאָמער וועלן זיי בערישן ווידער אַרעסטירן. ער איז ערשט נישט לאַנג צוריק אַרויס פֿון צענטראַל־תּפֿיסה, און ווי אַן אומרו קאָן דאָס נישט רוען אַ מינוט.

די טיר פֿון איר טאַטנס שטוב האָט זיך געעפֿנט. דער פֿאָטער האָט נאָכגעשריען נחמנען:

— זי האָט געמוזט אַרויפֿגיין צו אייך אין שטוב.

צילע האָט זיך אַריינגערוקט הינטער דער טיר פֿון פֿעדער־הויז. נחמן האָט זיך אויפֿגעשטעלט דעם קאָלנער פֿון רעקל און מיט די דאַרע פֿיס גע־נומען איילן אַהיים.

צילע איז פּאַמעלעך צוריקגעגאַנגען צו דער שטוב. זי האָט אַריינ־געקוקט דורכן שליסל־לאָך: דער פֿאָטער האָט זיך געדרייט הין און צוריק איבער דער ברייטער שטוב. ווער ווייסט, אפשר האָט ער זיך דערוויסט, אַז שבת פֿאַרנאַכט, ווען ער גייט אַוועק, קומט בעריש אין הויז אַריין.

אויף דער שוועל פֿון פֿעדער־הויז האָט זיך באַוויזן בעריש. צילע איז אַנטקעגן געלאָפֿן און מיט ברען אים אַ דריק געטאָן צו זיך, פֿאַרפֿלעכטנדיק אירע הענט הינטער זיין אויפֿגעקנעפּלטן מאַנטל.

— אָ, בעריש, איך האָב זיך אַזוי געשראָקן, געזען, דו קומסט נישט.

בעריש האָט אַרויפֿגערוקט דעם קאַשקעט, אויפֿגעדעקט זיין גרויסן שטערן און מיט אַ קרום, צעפּייניקט מויל אַ ברום געטאָן:

— נאַרישקייטן! וואָס האָסטו זיך אַוועקגעשטעלט ווי אַ טויער?

צילע האָט זיך אַרויפגעצויגן צו אים, אַראָפּגעריסן זײַן גרויס אויער־לאַפּ צו איר מויל.

— דער טאַטע איז דאָ אין הויז. ער רעדט מיר אָ שידוך. קום, לאָמיר ערגעץ שפּאַצירן.

בעריש האָט געוויזן אויף זײַן הייזעריק פּאַרקילטן האַלז, קלאַפּנדיק מיט די פינגער אויפן גאָרגל. צילע האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום הויף, און אים אַ שלעפּ געטאָן נאָך זיך צו די קאַמערן.

אינעווייניק האָבן די בהמות געקלאַפּט מיט די ווײַדלען אויף די ווענט, געפּאַרסקעוועט מיט נאַזלעכער. צילע האָט געעפנט אַ טיר, פון דאָרט האָט אַ שלאָג געטאָן מיט געטריקנטן היי.

ביידע האָבן זיך אַוועקגעזעצט.

— דו ווערסט מוזן זײַן שטיל — האָט צילע געזאָגט, אַראָפּציענדיק דאָס היטל פון זײַן קאָפּ.

בערישעס טונקעלע טשופּרינע איז זיך צעפּאַלן איבערן שטערן. צילע האָט אים אומגעלייגט אויפן היי און זיך מיט איר לײַב אָנגעלענט אויף אים. בעריש האָט צוגעמאַכט די אויגן, בלויז די נאַזלעכער האָבן בײַ אים געציטערט. אים, פילט צילע, וואָלט זי געוואָלט האָבן פאַר אַ מאַן, ער איז אַזאַ שטאַרקער און רואיקער. אָבער נישט אַזוי זיך אַרומצואוואָלגערן, ציטערן, הײַנט־מאָרגן גייט ער אין תּפיסה . . . זי וואָלט אים אַרײַנגענומען אין טאַטנס שטוב, געמאַכט אַ היים און נישט געדאַרפט אַוועק מיט דעם ציטערדיקן נחמן ערגעץ קיין אַרגענטינע. צילע האָט אים גענומען קיצלען מיט אַ שטרויעלע. בערישעס אָנגעכמורעטער פּנים האָט זיך וואַרעם צעשמייכלט.

— דו ווייסט, מײַן טאַטע וויל געבן נחמנען נדן, ער זאָל מיך אַוועקפירן קיין אַרגענטינע.

בעריש האָט געעפנט די אויגן. אַ ביטער שמייכעלע האָט זיך אויסגעלייגט אויף די קאַרבן פון זײַן מויל. בעריש האָט זיך אויפגעזעצט און פאַרזאָרגט געזאָגט:

— די שפּיקעס גייען מיר נאָך, הײַנט־מאָרגן וועלן זיי מיך נעמען. איך ווייס דיר נישט וואָס צו זאָגן, צילע.

צילעס פּנים איז געוואָרן בלאַס. די ליפּן האָבן זיך אויסגעקרומט און פײַנלעך געציטערט. די אויגן זענען בײַ איר געוואָרן פול מיט טרערן. זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, געקוקט אויף די שפּאַרונעס פון ווענטל; דאָרט האָבן די בהמות מיט די צונגען געלעקט דאָס ווענטל, אַרײַנגעקוקט מיט טרויעריקע ברוינע אויגן. ווי ענלעך זי איז צו זיי. וואָס מען וויל, טוט מען

מיט איר, וואָס מען וויל. צילע האָט זיך ראַפּטום אויסגעדרייט, אַרומגעכאַפּט בערישן מיט ציטערדיקע הענט.

— ניין, ניין, זיי וועלן דיך נישט נעמען, זיי וועלן נישט.

איר לייב האָט אינגאַנצן געציטערט. זי האָט זיך גענורעט מיט איר פּנים, מויל אין זיין האַרטן, שאַרסטיקן האַלז. בעריש האָט זי אַ הויב געטאָן מיט זיינע שטאַרקע הענט. איר גאַנץ לייב האָט זיך אַ צי געטאָן צו אים מיט ציטערדיקער פרייד, ווי קיינמאָל נישט ביז איצט.

ווען צילע האָט זיך איינגעשטילט, איז איר האַרץ ווידער אָנגעפילט געוואָרן מיט שרעק. זי האָט טיף און שווער אָפּגעזיפצט.

— זיי האָבן עפּעס קעגן דיר?

— זיי וועלן שוין עפּעס צוטראַכטן.

די טיר פון שטוב האָט זיך געעפנט. צילע האָט זיך אַ ווילדע איינגעהערט, זי האָט אַ כאַפּ געטאָן בערישן ביי דער האַנט און דערשראָקן געזאָגט:

— דער טאַטע!

צילע איז אַרויס פון קאַמער. בעריש האָט זיך רואיק אויפגעשטעלט, אָנגעטאָן דעם קאַשקעט, פאַרקנעפּלט דעם קאָלנער אונטערן האַלז.

אין ברייטן פעדער־הויז איז אים אַנטקעגן געקומען ישראל קצב אין זיינע וואָכעדיקע בגדים, אַ לאַנגע וואַטאָווקע, וואָס ער האָט געגרייכט ביז די הויכע כאָלעווקעס פון זיינע שטיוול.

ישראל קצב האָט אַרויפגערוקט דאָס הויכע היטל מיט דער ברייטער דענקע, צונויפגעדריקט אַ פּאָר צעביילטע פויסטן.

— וואָס ווילסטו דאָ און וואָס טוסטו דאָ?

בעריש האָט אויף אים רואיק געקוקט מיט זיינע טרויעריקע אויגן און נישט געענטפערט. ישראל קצב האָט זיך אויפגעקנעפּלט די וואַטאָווקע, אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן.

— כ'ווייס, אַז דו קומסט פון אַ פיין הויז, אָבער דיין קאָפּ איז נישט צו קיין תכלית. וואָס פאַרדרייסטו אַ מיידל אַ יתומה דעם קאָפּ.

פון דרויסן, פון דער בערעק יאָסעלעוויטש־גאַס, זענען אָנגעקומען עטלעכע קצבים־יונגען מיט אויסגעריבענע לעדערנע רעקלעך, קאַשקעטן איבער די אויגן.

ישראל קצב האָט אַרויפגעלייגט די הענט אויף בערישעס אַקסל.

— האָסט מיך פאַרשטאַנען?

בעריש איז געוואָרן גערירט פון ישראלס נאַענטקייט און ער האָט געזאָגט מיט אַ געבעט:

— טשעפּעט זי נישט, איך בעט אייך, זי איז, ווי מע זאָגט דאָס, מיין ווייב.

— וואָס האָסטו געזאָגט? ווען האָסטו גענומען חופּה וקדושין, דו פּאַרך, דו. אַרעסטירן וועל איך דיך לאָזן.

די קצבים־יונגען האָבן איינגעהאַלטן ישראלן ביי די אָרעמס.

— רב ישראל, וואָס טוט זיך מיט אייך, רב ישראל!

ישראל האָט זיך דערמאָנט, אַז באַלד וועט מען דאָ אין הויף קוילען אַן דערלויבעניש, אַז קיין טומל איז דאָ לגמרי נישט גוט.

— זאָל ער מיר גיין אויס די אויגן, דער קרימינאַלניק!

בעריש האָט זיך שטיל אַרויסגערוקט פון פעדער־הויז.

ישראל קצב איז אַריין אין פינצטערן הויז. פון דרויסן האָט אַריינגע־בלייכט דער פאַרכמורעטער בין־השמשות־הימל. פון דער קיך האָט זיך געהערט דאָס שטילע שלוכצן פון צילע. ישראל קצב איז צוגעגאַנגען צום בעט און געזאָגט:

— מאַך מיר נישט קיין קאַצן־יאָמער דער פעדער־וואָך. כ׳גיי קוילען, דו הערסט! צינד אָן צוויי לאָמטערנס.

ישראל קצב איז אַרויס אויפן הויף. דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט ווי ביי אַ גזלן, דאָס ערשטע מאָל גייט ער קוילען געהיימערהייט. אויף די יונגען קען ער זיך פאַרלאָזן. ער וועט אָוועקשטעלן חיימל מיטן קאָסאָקע אויגל אויף איין זייט טויער און שאַמקע ביים הויז־טויער, טאַמער, ווי עס מאַכט זיך, מען דאַרף אַנטלויפן.

ישראל האָט גענומען קיווקע מיט זרחלען, ביידע נידעריקע קרעפּקע יונגען, און ער איז מיט זיי אַריין אין דער שטאַל. ישראל האָט אָפּגעבונדן דאָס ברוינע בהמהלע מיטן ווייסן פלעק אויפן שטערן. דאָס בהמהלע האָט געפינטלט דערשראָקן מיט די אויגן.

אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן רב נטע שוחט, אַ ייד מיט אַ רויטער באָרד און ברוינע קאָכעדיקע אויגן.

— גוט־וואָך!

— גוט־וואָך, גוט יאָר, ר׳ נטע שוחט — איז ישראל אים אַנטקעגן געלאָפן מיט שמחה.

רב נטע האָט אויפגעהויבן אַ פּאָלע פון זיין ריפּסענעם כאַלאַט, זיך גע־פּלאָנטערט הינטער דעם טלית־קטן מיט די שוואַרצע שטרייפן. ער האָט אַרויסגעצויגן דאָס שאַכטל מיט חלפים.

ישראל האָט אַ וואונק געטאָן צו די יונגען. קיווקע האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס צעטומלטע בהמהלע ביי די הערנער. זרח האָט עס פאַרפּלאָנטערט די

פיס. דאָס בהמהלע האָט זיך מוראדיק צעמעקעט, זרח האָט פאַרוואָרפן אַ שמאַטע איבער אירע אויגן, עס פאַרקלעמט די פיס. דאָס בהמהלע האָט אויסגעשטרעקט דעם האַלז.

ר׳ נטע שוחט האָט אַ נעם געטאָן דעם גרויסן חלף פון שאַכטל, אים פאַרקלעמטבייםביישטידל צווישן די ציין.

ישראל האָט אַרויסגענומען די לאַמטערנעס פון צילעס האַנט. זיינע הענט האָבן געציטערט. ער האָט זי אַרויסגעשטופּט.

צילע איז געשטאַנען אַ ווײַלע לעבן קאַמער. פון די שפּאַלטן האָט אַרויס־געשיינט ליכט. עס האָט איר אַרומגענומען אַ גרויס רחמנות צו איר פאָטער. ער שטעלט איין ס׳לעבן, פונקט אַזוי ווי בעריש קען ער גיין זיצן אין תפיסה, אויף זיין עלטער.

צילע איז אַריין אין שטוב און זיך אַוועקגעזעצט אין דער פינצטער. באַלד האָבן זיך געהערט טריט. עס איז אַריינגעקומען דער פאָטער מיטן שוחט. דער פאָטער האָט אַ דריק געטאָן דאָס עלעקטרישע קנעפּל ביי דער טיר. דאָס קליינע טריבע לעמפּל האָט זיך אָנגעצונדן אויפן באַלקן. דער פאָטער האָט געהאַלטן אַ פאַרבלוטיקטע לונג און לעבער, זיי גענומען איינ־פּאַקן אין אַ שטיק פּאַפּיר. דער שוחט האָט זיך מיט אַ האַנטעך געווישט די פאַרבלוטיקטע הענט, געקוקט אויף צילען און געזאָגט:

— האָסט שוין, זע איך, אַ כלה־מיידל. דאַרפסט זי מגדל זיין, ר׳ ישראל.

ישראל האָט דערלאַנגט דעם שוחט די פאַרפּאַקטע לונג און לעבער.

— מיט גאָטס הילף, רב נטע, וועל איך דעם חודש שטעלן אַ חופּה — האָט ישראל אַ צעהיצטער אויסגעשריען און מיט אימפּעט, ווי אין די יונגע יאָרן, זיך פלינק אַ טראָג געטאָן פון שטוב צו די קאַמערן.

1939

אין פּלאַמען

פאַרטאָג איז די אַרויסגעשיקטע פאַמיליע וואָלפזאָנס פלוצים צוריקגעקומען אין שלעזיעשן שטעטל. זיי זענען געגאַנגען פון באַנהויף אָן שום באַגלייטער. די פאַקענטרעגער, די אָטאָבוסן־שאָפערס, האָבן זיי שווייגנדיק נאָכגעקוקט.

דעם שניידער חיים וואָלפזאָן איז נישט געווען צו דערקענען. זיינע איינגעפאַלענע באַקן זענען געווען גראָ באַוואַקסן. ער האָט געשלעפּט אַ צעטראָגענע וואַליזקע און געלאָפן פאָראויס. נאָך אים, איז נאָכגעגאַנגען זיין ווייב עטל, אַ שוואַרץ־חנעוודיק ווייבל מיט רויטע רעמלעך אונטער די אויגן. זי האָט געטראָגן, איינגעוויקלט אין אַ פלאַנעלענע קאָלדרע, איר קינד. צום סאַמע סוף איז געגאַנגען דער אַלטער הירש וואָלפזאָן. די פאָלעס פון דער קאַפאָטע אויפגעקנעפּלט. די גראָע באָרד צעפלויגן. ער האָט געפירט זיינע צווי אייניקלעך — אַ זעקס יאָריקן צווילינג.

אויפן בויטן־געסל, וואו עס געפינט זיך וואָלפזאָנס שניידער וואַרשטאַטל, איז נאָך געווען פאַרטאָגעדיק שטיל. אַ ווינט האָט געבלאָזן פון נאָענטן פאַרק האַרבסטיקע בלעטער. לעבן גאַסן־קערער האָט זיך צוגעשאָרט אַ מאַן מיט אַ פיפקע אין מויל, מיט אַ גרינע פעדער אין היטל און געטייטלט מיט אַ פינגער. נאָכדעם האָט ער איבערגעלאָזט דעם גאַסנקערער און אַליין גיך אַוועקגעלאָפן צום פאָליציי־צירקל, וואָס אויף דער נאָענטער הינדענבורג־גאַס.

— דער בערלינער שפּיצל — האָט חיים צו זיך גערעדט. דאָס האַרץ האָט האַמערדיק געקלאַפּט, ווער ווייסט צי פון זיינע אַכט־און־צוואַנציק יאָר האָרעוואַניע איז עפּעס געבליבן. ער האָט גענומען שפּרייזן שנעלער. ער האָט שוין אַרויסגעזען דאָס אַנטיקן־געשעפט פון די אָפּנהיימערס, מיט דעם אייזערנעם מענטש ביים שוועל. דעם זייגערמאַכער גובערמאַן וואַרשטאַטל. די געוויכטן פון אַלערליי אַלטע זייגערס האָבן הויך געטיקט פּונקט ווי מיט אַ וואָך פריער. די שפּאַלטן פון דער געפּלאַצטער שויב זענען געווען פאַרקלעפּט מיט פּאַפּירענע פּאַסן. זייערע פענצטער זענען געווען באַשמירט

מיט פאַרב מיט גרויסע שריפט — „יודע", פונקט ווי פריער. ביי זיין גע־וועלבל איז די שילד געווען אַראָפּגעריסן. שוין מער נישט געווען דער שיי־נער מאַן מיטן געפּאַסטן אנצוג איבער זיין וואַרשטאַטל.

די טיר איז געווען פאַרשלאָסן ווי מיט אַ וואָך פריער, ווען די פּאָליציי האָט זיי אויף אַ ווײלע אַוועקגעפירט. וואָלפזאָן האָט אויפגעשלאָסן די טיר און זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן בענקל ביים מאַשין. דאָס קליינע ענגע קרעמל מיט דעם באַלקאָן אינדערהויך, וואו זיי האָבן דאָס שלאָף־חדר, האָט אים איצט אויסגעזען רחבותדיק. ער האָט אָפּגעזיפצט. עך, ווען זיי זאָלן אים כאָטש איצט לאָזן צורו! ער וואָלט פאַרריכט אַלטוואַרג און זיך דערנערט. ער וואָלט מער קיין ריכטיקן אנצוג נישט געמאַכט. ווער איז ער צו טשעפּן זיך מיט דעם בערלינער קליידער־געשעפט, אויף דער הינדענבורג גאַס, זיי זעען דאָך, אַז איבער דער גרעניץ וויל מען אים נישט דורכלאָזן, דורך דער פּוילישער גרעניץ. ער האָט דאָך שוין אַפילו קיין פּאַספּאָרט נישט, נאָך אָפּלעבן דאָ אַכט און צוואַנציק יאָר!

די גאַנצע משפחה איז אַריינגעקומען. דאָס ווייב עטל האָט געהאַט פאַרוויינטע אויגן.

— דאָס קינד גליט מיר ווי אַ באַק־אויוון, ווינד איז מיר. קוקט! אַ העלפט איז דערפון געוואָרן, פּיצעלע מיינס! זי האָט זיך איינגעבויגן און צוגעדריקט איר פּנים צום קינד.

— זינדיק נישט, זינדיק נישט, אַנדערע יידן ליגן דאָרטן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ ביים גרעניץ.

עטל איז אַרויפגעגאַנגען מיט די קינדער צום באַלקאָן דורך די סקריפּנ־דיקע לייטערדיקע טרעפּ. דאָס קינד האָט געפּישטשעט ווי אַ קראַנק הינדעלע.

— מאַכט כאָטש אַ ביסל וואַרעם וואַסער, שווער, — האָט זי אַרונ־טערגעשריען. דער שווער האָט אויפגעזוכט עטלעכע העלצלעך, זיי אַריינגע־שטופּט אין אייזערנעם איוועלע. דאָס האַלב־פינצטערע געוועלבל, פאַר־וואָרפן מיט שמאַטעס, האָט ווי אויפגעלעבט. דער צווילינג, יינגלעך מיט שוואַרצע פאַרטראַכטע אייגעלעך האָבן געקוקט אויף די צינגלדיקע פלעמע־לעך, וואָס האָבן אַרומגעכאַפּט די העלצער. זיי זענען געשטאַנען טרויעריק־שטיל. זיי האָבן פאַר זיך געזען דעם ענגן וואַגאָן אָן פענצטער פול מיט פרעמדע יידן אָנגעפּאַקט, דאָס אָפּשטעלן זיך ביים גרעניץ לעבן אַ הייזקע מיט אַ ווייסן אָדלער פון פאָרנט. אַנדערע האָט מען דורכגעלאָזט, נאָר זיי נישט. זייער פאָטער האָט גאָרנישט געהאַט צו וויזן . . .

דער אַלטער הערש וואָלפזאָן האָט זיך געשטעלט ביי דער שויב־טיר. דער אַלטער ריינלענדער, אַ גלייכגעוויקסיקער דייטש האָט אויפגעשלאָסן

זיין מעבל־געשעפט און אפילו אַ בליק אַהער ניט געוואָרפן. עס וואָלט אפשר געווען אַ יושר צו גיין אין סינאַגאָגע געוואָר ווערן ביי ווען מען קען קריגן אַ פּאָר קאַרטאָפּלעס, אַ רפואה פאַרן קינד. ער זעט דאָך, פון די שכנים וועט ער שוין גאָרנישט קריגן.

אין געוועלבל איז געוואָרן וואַרעמער. פון באַלקאָן האָט זיך פּלוצים געגומען הערן אַ שטיקנדיק פרייכן פון קינד. נאָכדעם האָט דאָס קינד געגעבן אַ הוסט ווי אַ גרילץ פון אַ זעג. יאָ, ער מוז אומבאַדינגט זען דעם שמש: אפשר וועט מען פאַרט קריגן אַ דאָקטאָר פאַר אַ יידיש קינד.

דאָס געוועלב האָט זיך מיטאַמאָל ראַשיק געעפנט. אַלע האָבן זיך דערשראָקן. עס איז אַריינגעקומען אַ ברייטע בלאָנדע פרוי, מיט אַ פּאַק אַלט־וואַרג אויף דער האַנט. דער שניידער האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן, דאָס איז געווען פרוי לוביק פון די הינטער־הויפן. יעדעס יאָר, האַרבסט־צייט נאָכן גערעטעניש האָט ער געמאַכט פאַר אירע זין אנצוגן, און געקראָגן מתנות: קאַרטאָפּל, מעל.

— ווילקאָמען, הער וואָלפזאָן — האָט זי געזאָגט מיט אַ פאַרשעמטן שמייכל. זי האָט פון אונטער די שמאַטעס אַראָפּגעשלעפּט אַ זעקעלע קאַר־טאָפּל, אַ בייטל מעל.

— אָ, אַ דאַנק, פרוי לוביק! — האָט חיים זיך אַ פריידיקער אויפ־שטעלט. פרוי לוביק האָט זיך נישט געמאַכט זען, געגומען רעדן געשעפט־לעך, געוויזן ווי ביי אירע יונגען האָבן זיך צעריסן די אנצוגן פון דער בערלינער קראָם. חיים האָט איינגעהאַלטן אַ שווערן זיפץ. ער האָט באַ־מערקט, ווי פרוי לוביק קוקט יעדע ווײַלע אומרואיק צום פענצטער. זי האָט מורא פאַר איבעריקע רייד. חיים האָט גיך איינגעפעדעמט די מאַשין, ער האָט פּאַמעלעך געגומען שטעפּן. די מאַשין האָט געגראַגערט, אַז ער אַליין, חיים, האָט זיך פּלוצים דערשראָקן פאַר דעם טומל. ער זאָל נאָר ווידער עמיצן נישט אויפרייצן. ער האָט זיך געוואָלט באַקלאָגן פאַר דער פרוי לוביק. ער האָט שוין נישט קיין כוח. ווייטער פון דאַנעט קאָן ער מער נישט גיין אין ערגעץ. טאָמער קומט נאָכאַמאָל אויס וועט ער זיך מיט דער שער דעם האַלז איבערשניידן, ער האָט מער קיין כח נישט.

פון דרויסן האָט זיך געהערט אַ געלויף. די טיר האָט זיך אויפגעריסן. אַ בלאָנדער, ברייטער יונג, מיט אַ פלאַסקנדער קוטשמע איבער די אויגן, איז אַריינגעפאַלן. ער האָט אַ ריס געטאָן אַ פאָר הויזן פון אונטערן מאַשין אַפיר. זיין מוטער, פרוי לוביק, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים.

— אומפאַרשעמטער קערל.

ער האָט די מוטער אַ נעם געטאָן אין זיינע גרויסע פעסטע הענט און

זי אַרויסגעטראָגן ווי אַ זאַק פון געוועלב. קיינער האָט אַפילו די אויגן נישט אויפגעהויבן. חיים וואָלפזאָן האָט בלויז אַ זאָג געטאָן, ווי צו זיך:

— נו, האָ, וואָס זאָגסטו צו דעם? . . .

דער אַלטער האָט זיך געהאַט אָפּגעבאַקן אַ פּאָר קאַרטאָפל, ער האָט זיי אַרויסגעשאַרט פון צווישן די קוילן. געגעבן די יינגלעך, און אַליין האָט ער זיך אָנגעטאָן די קאַפּאָטע מיטן אויסגעריבענעם סאַמעטענעם קאָלנער. גענומען טלית און תפילין.

— וואו גייסטו, טאַטע? די גאַס געפעלט מיר נישט . . .

— אפשר וועל איך קריגן אַ רופא פאַרן קינד.

— טאַטע! טאַטע! — האָט חיים פאַרצווייפלט גערעדט.

— נו, נו, זיי נישט ביטער קעגן גאָט. זעסט דאָך, פרוי לוביק האָט נאָך אַלץ גאָט אין האַרץ. זיין השגחה . . .

אויפן גאַס זענען שוין די קראָמען געווען געעפנט. אויף פיל דייטשישע געשעפטן האָבן געהאַנגען גרויסע האָקן־קרייצן. עלטערע דאַמען זענען גע־גאַנגען פון שפּייז־מאַרק מיט ליידיקע קוישלעך. רייך־געקליידעטע פרויען האָבן לעבן זיך געפירט גרויסע וועלף־הינט, מיט געשטריקטע קוישלעך אין זייערע מיילער. שול־יינגלעך, מיט רענצלעך זענען טומלדיק געלאָפן אין שול אַריין. עלטערע מענטשן זענען געפאָרן אויף וועליסאָפּעדן לעבן טראָטואַר.

פון דער הינדענבורג־גאַס האָבן זיך אַהער געטראָגן אויסגעשרייען פון ציַיטונגס־פאַרקויפער. זייערע גרילצנדיקע שטימען האָבן פאַרטויבט די לופט:

— ראַכע! ראַכע! יידן האָבן דערמאָרדעט!

דער אַלטער איז פאַרקראָכן אין אַ שמאָל געסל אַריין, אַ געסל מיט ברעטער סקלאַדעס. פון דאָרטן איז שוין זייער נאָענט צו דער סינאַגאָגע. נאָך דעם געסל האָט זיך שוין געזען דער שפּיל־פּאַרק. אין פאַרק זענען די ביימער געווען שיטער. געלע, פאַרוויאַנעטע בלעטער זענען פאַמעלעך געפאַלן, זיך געלייגט קופּעס־ווייז. טיף אין פּאַרק, לעבן דעם ספּאָרט־פּלאַץ, האָבן זיך געזאַמלט מענטשן. יונגוואַרג האָט זיך געשפּילט, אַנדערע האָבן גע־האַלטן זייערע שפּיל־שטעקנס, געוואָרפן אַ באַל פון איינעם צום אַנדערן. פון אַלע זייטן האָבן איינצלנע און גרופּעס דאָ אַהער געשפּאַנט. טייל האָבן געטראָגן זייערע כאַקי־אנצוגן מיט סוואַסטיקעס. עמעצער פון געזעמל איז אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ טיש, גענומען הייזעריק שרייען, לעבן אים האָט זיך אויך אויפגעשטעלט דער בערלינער שפּיצל מיטן גרינעם הוט. דער הייזעריקער מאַן, אַ דאַרער ווי אַ שפּאַרבער, האָט מיט די הענט געוויזן דאָרט

אהין, צו דער סינאַגאָגע. הערש וואָלפזאָן האָט שנעלער געגומען איילן. פון שפּיל־פּאַרק האָט אים נאָכגעיאָגט אַ געברומעריי, וואָס אַמאָל העכער און נעענטער.

די סינאַגאָגע, אַ הויכע, מיט שמאָלע פענצטער, באַדעקט מיט אַ רונ־דיקן דאַך, איז געוואָרן וואָס אַמאָל נעענטער. ער איז צוגעקומען צום שטיי־נערנעם פּאַרקן מיט די גרויסע אייזערנע טויערן. ער האָט געעפנט אַ טירל, אַרויפגעגאַנגען עטלעכע טרעפּ.

די גרויסע טירן פון דער סינאַגאָגע זענען געווען געעפנט מיט אַ שמאָל שפּעלטל. ער האָט זיך דורכן שפּעלטל ווי דורכגעשטופּט, נישט צו מאַכן קיין איבעריקן טומל. די הויכע, שיין־באַצירטע ווענט, מיט אויסגעמאָ־לענע מזלות פון אַלע צוועלף חדשים, זענען געווען פריש. פון דער צפון־וואַנט האָט דאָס קיילעכדיקע פענצטער מיט די צוועלף פאַרביקע שויבן (פון אַלע שבטים) אַראָפּגעוואָרפן אַלערליי קאָלירן. מאַראַנצן־געל, ווייַן־רויט, גרין, הימל־בלוי. די קאָלירן האָבן ציטערנדיק געמיניעט אויפן שטיינערנעם דיל. אויפן באַלעמער האָט דער שמש, יונתן באַך, געפּוצט די מנורה. אין באַלעבאָס האָט זיך אין שול געפונען, דער אַלטער אָפּענהיימער, אַ ייד מיט אַ גראָ, געשוירן בערדל. ער איז געשטאַנען איינגעהילט אין טלית און תפילין. ביידע יידן האָבן געקוקט דערשראָקענע צום טיר.

— אָ, מיר האָבן זיך אַזוי דערשראָקן, הער וואָלפזאָן. ברוך הבא! — האָט אָפּענהיימער זיך אַרויסגערוקט פון ברייטן שטענדער.

— מעשה ניסים. איך טראַכט, ווער וועט דאָס קומען דאַוונען איב־מיטן וואָך? ווען צוריקגעקומען?

— היינט, ברוך־השם. איר פאַרשטייט: די פּאָלאַקן זאָגן: דו גיסט מיר דיינע יידן, די פּוילישע, גיב איך דיר דיינע יידן, און דייטשן ריכטיקע פעלן דאָרט אויך נישט אויס, איר פאַרשטייט . . .

פון דרויסן האָט זיך פּלוצים געהערט אַ געבראַזג פון שויבן ערגעץ גאָר נאָענט. באַלד האָט אַ שטיין אַ שפּאַלט געטאָן אַ שויב אין דער צפון־וואַנט. דער שטיין האָט אַ טרייסל געטאָן אַ גרויסן הענגלייכטער און איז מיט אַ טראַסק געפאַלן אויפן דיל.

דער הענגלייכטער האָט זיך געוויגט, געוויגט. נאָכדעם האָט זיך געהערט אַ געברילעריי. אַלע דריי דערשראָקענע יידן האָבן פאַרלוירן ס׳לשון. באַלד האָבן זיך די טירן מיט אַ שווערן זעץ צוגעהאַקט. דאָס דרויסנדיקע געזשו־מעריי איז געקומען, ווי דאָס ברומען אין פאַרטויבטע אויערן. אין דער ליידי־

קער הויכער סינאַגאָגע האָט פּלוצים גענומען אַפּהילכן עכאָס פון דרויסנדיקע געשרייען.

— אונטערצינדן די קאַניבאַלן.

— פייער! פייער! גיס בענזין!

עס האָט זיך געמערקט, ווי מ׳וואָלט די סינאַגאָגע באַלאַגערט. דער טומל איז געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער. באַלד האָט זיך דורך די שפּאַרונעס גענומען אַריינשפּאַרן אַן עיפּושדיקער רויך. דער שמש האָט זיך מיט אַן אימפּעט אַרונטערגעלאָזט פון באַלעמער. גענומען רייסן די טיר.

— עפנט! עפנט! עפנט! מענטשן זענען דאָ!

הערש וואָלפזאָן האָט אַרויסגענומען דעם טלית, הויך געמאַכט אַ ברכה און זיך איינגעהילט. ער האָט געוואוסט: זיי וועלן נישט עפענען. דער אַלטער אַפּענהיימער איז געוואָרן וואָס אַמאָל בלאַסער. ער האָט מיט די אויגן געקוקט צום אויסגעפּלאַצטן פענצטער. עס איז געווען צו הויך. ער האָט אַרונטערגע־לאָזט די אויגן צו די פענצטערלעך פון דער ווייבערישער שול.

פון די פענצטערלעך האָט פּלוצים אַ זעץ געטאָן אַ שוואַרצער רויך, אַ שטיקנדיקער, פון בענזין. דער רויך האָט זיך געקנוילט מיט אַ ברודיקן פלאַם. אַפּענהיימער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום טיר.

— האַלט! האַלט! געלט? נאָט אייך געלט, באַנקנאָטן וויפיל איר וועלט! שמש, שמש, רעדט מיט זיי!

— יאָ, רעדט צו אַ שטיין!

דער פלאַם פון די פענצטערלעך האָט גענומען זידן, געוואָרן העלער, פלאַקערדיקער. די סינאַגאָגע איז געוואָרן פול מיט רויך, פאַרשטעלט די ליכט פון טאָג. גאַנצע קנוילן האָבן זיך אַראָפּגעדריקט. הערש וואָלפזאָן האָט גע־נומען שרייען:

— די ספרי־תורות! ראַטעוועט, שמש, די ספרי־תורות.

דער שמש מיטן הער אַפּנהיימער זענען געשטאַנען ביים טיר און מיט שוואַכע הענט געקלאַפּט. אינדרויסן האָט מען געברילט, געהירזשעט.

די יידן האָבן אויפגעריסן די קאַלנערס, געשטרעקט די העלזער, געהוסט פון שטיקעניש.

די פלאַמען האָבן זיך געריסן פון אַלע פענצטער, אַנגעזאַפּט די געזימסן מיטן פאַרטריפטן חלב פון די ימים־נוראים־ליכט. דער חלב האָט געסמאַליעט, געשפּריצט מיט פונקען און גענומען שטיקן איבלדיק. פון די געזימסן האָט זיך אַנגעכאַפּט דער באַלעמער. די סאַמעטענע טישטעכער מיט די פאַרהאַנגען האָבן זיך ווי פלייש גענומען דעמפּיק בראָטן. אַ הענגלייכטער האָט מיט אַ קראַך זיך אָפּגעריסן פון באַלקן און זיך צעפלויגן איבערן דיל.

הערש וואָלפזאָן האָט זיך מיט גבורה געטראָגן איבער דער סינאַגאָגע. ער האָט איינגעטונקען אַ סאַמעטן טישטעך אין האַנטפאַס און געקלאַפּט מיט קראַפט אין די פלאַמען, אפשר פּאָרט וועט מען זיך ראַטעווען. ער האָט מיט טיכער אַרומגעוויקלט די צוויי פאַרחלשטע יידן די קעפּ. נאָכדעם האָט ער מיטן עמער וואַסער זיך אַוועקגעלאָזט צום אָרון קודש. ער האָט געשמיסן דעם פלאַם פון זיך מיטן נאַסן טישטוך. דער פלאַם, אַ פאַרסאַזשעטער, האָט זוי אַ ברודיקע רויטע צונג פון אַ משונהדיקער חיה, זיך געשטרעקט צו אים, זיך פאַרקערעוועט הינטערוויילעכץ, אים אַ ריס געטאָן פון אָרט און ווי אַ זאַק אים אַ שלעפּ געטאָן פון די טרעפּלעך. ער איז געפאַלן אויפן שטיינערנעם דיל פון דער ברענענדיקער סינאַגאָגע.

1938

זיינע מתנות

אין דער „פּערפעקשאָן קלאוק קאָמפּאַני" האָט זיך אין הארבסט גע־שטעלט אַ גוטער סעזאָן. די צוויי רייען מיט די זעכציק מאַשינען, זענען געווען פאַרלייגט מיט שטויסן אַרבעט. די אָפּרעיטאָרס ביי די מאַשינען האָבן גענייט די מאַנטלען מיט אַזאַ אימפּעט, אַז עס האָט זיך געדוכט דער גאַנצער דיל פּאָרט.

אין שאַפּ איז געוואָרן מיטאַמאָל אַזוי ענג, אַז עס איז געווען שווער דורכצוגיין. אומעטום מאַנטלען. אויף אַלע הענגערס, געשטעלן: מאַנטלען מיט פוטערנע קאַלנערס, טייערע קאַראַקולן און רוסישע סויבלען. אין שאַפּ איז געווען הייס, עס האָבן געפּאַרעט די פּרעס־מאַשינען, מיט אַ דושענדיקער גראָער פּאַרע. די סוף זומערדיקע זון איז געלעגן אויף די ברייטע פענצטער־שויבן און געברענט מיט זומערדיקע היץ.

האַרט לעבן די צושנייד־טישן ביי אַ באַזונדערן טיש איז געשטאַנען דער באַלעבאָס, מיסטער פליישמאַן, און מיט אַ שער פאַרגלייכט די פּאַרמען. ער האָט געאַרבעט זייער פאַמעלעך. די שניי־ווייסע אַרבל פון זיין העמד זענען נישט געווען פאַרבייגלט ווי ביי אַלע מענטשן דאָ אין שאַפּ. זיינע בלייבע, האַריקע הענט זענען געווען פאַרקנעפּלט מיט שטייפע מאַנקעטן. ער איז געשטאַנען רואיק אויף איין אָרט, נאָר זיינע ברוינע, קאָכענדיקע אויגן זענען אַרומגעלאָפן איבערן שאַפּ, באַטראַכט יעדן איינעם. פון צייט צו צייט האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אָפּגעווישט דעם שוויס, דערכאַפּט מיס־טער פליישמאַנס בליק און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אָן אָפּגעבריטער. פליישמאַן האָט דערפון הנאה: זאָלן זיי וויסן, אַז עס איז דאָ אַ באַלעבאָס אין שאַפּ און זיך נישט אַרומקינצלען מיט דער אַרבעט, אָדער מאַכן טעותן. די גאַס פּאָדערט אַ גוט שטיקל אַרבעט פון אים און ער וועט עס אַזוי אַרויסגעבן.

ער גלעט זיך מיט הנאה זיין קויטיקן פּליך, און דרייט זיך אויס צו די צושנייד־מאַשינען. זיין ברודער אַל, אַ מאָגער מענטשל, מיט אויך אַזאַ קויטיקן פּליך ווי ביי מיסטער פליישמאַן, שאַרפט שוין די שנייד־מאַשין. פון רונדיקן מעסער שפּריצן בלאָע פונקען, אויף די טישן ליגן אויסגעצויגן

גאַנצע שטויסן מיט געוואַנטן. באַלד וועלן די שטויסן זיין צעשניטן. עס וועט זיין אַרבעט איבערן קאָפּ. ער וועט זיי נישט זשאַלעווען, די אַרבעטער, עס קומען אַריין געגנוג באַשטעלונגען. ער זעט שוין, מיסטער פליישמאַן, אַז פון דעם סעזאָן וועט ער מאַכן אַ לייכטע פּאָר טולער. מיט די צוויי נייע פאַר־קויפער, וואָס פאָרן אַרום איבערן לאַנד, האָט ער אַריינגעטראָפן, ספּעציעל מיט דעם איירישמאַן, דזשימי, — אומעטום קאָן ער אָנקומען, אין די גרעסטע הייזער. און איירין, דאָס מאָדעל־מיידל, וואָס דזשימי האָט זיך געשאָפן, איז גאָר אַן אַנטיק.

שוין אַ היפּשע צייט ווי עטלעכע פרעמדע איינקויפער געפינען זיך מיט דזשימין און איירין אין דער „שאָו־רום". אַרויסגיין מיטן לידיקן וועלן זיי שוין נישט. ער וואָלט אַליין אַ בעלן געווען דאָרטן איצט אַריינצוגיין. נאָר אַזוי ווי דזשימי רופט אים נישט, מסתמא טויג עס נישט צום געשעפט. און אפשר רופט ער אים נישט, ווייל ער איז עפּעס אויסן. דאָס איז אַ יונג מיט קאַלטע אויגן, מיט אַ קאַלט האַרץ, און קיין ייד האָט ער אויך נישט איבעריק ליב . . . ער רודערט שוין דאָרט אַרום, פונקט ווי ער, פליישמאַן, וואָלט שוין נישט געווען דער באַלעבאָס. אַזאַ יונג קאָן אַליין אויך עפּענען אַ שאָפּ און ביי אים צונעמען אַלע פאַרבינדונגען. מען דאַרף אים נאָכקוקן.

מיסטער פליישמאַן נעמט אַרונטער דאָס פאַרטוך, וואָס ער טראָגט אויף זיך פאַרבונדן און לאָזט זיך צו דער „שאָו־רום". הינטער די שויבן באַ־וועגן זיך שאָטנס . . . וואָס שטייט ער דאָ, אַ פרעמדער ביי זיין אייגענער טיר? די טיר איז בלויז צוגעלענט. דורכן שפּאַלט זעט ער ווי איירין, אַ הויכע, אַ שטאַלטנע, קומט אַרונטער פון דריי טרעפּלעך, זי גייט אָנגעטאָן אַ געפּאַסטן מאַנטל, איר פלאַמענדיק פּנים מיט די בלאָע בליציקע אויגן, איז צעשמייכלט. זי גיט זיך פּלינק אַ דריי, די געפּאַלדעוועטע פאַלעס גיבן מיט איר אַ שוועב און פאַלן צוריק אַרונטער פון איר טיפער טאַליע. זי שפּאַצירט אויפן טעפּעך, הויבט שוועבנדיק אויף די הענט, פאַרגלייכט די טונקל־בלאָנדע האָר און אָטעמט טיף מיט איר אויפגעהויבענער ברוסט.

די סטאַטעטשנע מענער, מיט די בלאָנדע און גראָע קעפּ, באַוועגן זיך קוים אויף זייערע סאָפעס און שאָקלען מבינותדיק מיט די קעפּ. זיי פאַר־שרייבן אין זייערע ביכלעך דעם נומער און דעם איינדרוק. מיסטער פלייש־מאַן וויל שוין צוריקגיין — וואָס האָט ער דאָ צו זען? די מענטשן אַרבעטן. נאָר דזשימי, דער קלוגער דזשימי, מיט די ווייסע, קאַלטע אויגן, מיט דער שטיפעריש־פאַרריסענער נאָז, האָט אים שוין געזען. ווי נאָר דאָס מאָדעל־מיידל פאַרשווינדט אין איר קעמערל זיך איבערצוטאָן, עפנט דזשימי די טיר.

— אַ, מיסטער פליישמאַן, „קאָם אין", באַקענט זיך, מיסטער פליישמאַן, אונזער „פּראָדאַקשאַן מען" און מענעדזשער.

— „האַו דו יו דו" — הויבן זיך אונטער די מענער און דערלאַנגען מיסטער פליישמאַן זייער פריינטלעך די הענט. מיסטער פליישמאַן בלייבט נאָכדעם שטיין אַן אומבאַהאָלפענער, און כדי זיך מער נישט צו פאַרלירן, מאַכט ער זיך ווי ער וואָלט עפעס געזוכט, באַטאַפּט אַ מאַנטל, וואָס הענגט לעבן אַ שפּיגל, כדי מען זאָל באַמערקן דעם מאַנטל. פליישמאַן גיט אַ זאָג שטיל צו דזשימין:

— דו בלאָפסט, האַ? דו בלאָפסט די קאַנטרי.

דזשימי גיט ממזריש אַ קוועטש מיט אַן אייגל און שאָקלט צו מיט אַ צעשמייכלט פּנים. מיסטער פליישמאַן האָט דאָ סיי ווי נישט וואָס צו טאָן. יעדער טויג זיך אויס אויף זיין אָרט. ער גיט אויף גיך אַ פאַרבייג מיטן קאָפּ.

— עקסקיוז מי, דזשענטלמען.

ער שטייט שוין ווידער מיטן פאַרטוך ביים טיש. ער הערט שוין דייטלעך ווי מען רעדט ביי די מאַשינען. נו, ער איז אַוועקגעגאַנגען פון די מאַשינען אַ מינוט, איז שוין יום־טוב ביי זיי! און ווען וועט מען מאַכן די אַרבעט? די פּאָר שעהלעך, וואָס די יוניאַן האָט צוגעציילט, פאַרשווינדן און געלט וויל מען פון אַלע זייטן. פונוואַנען וועט ער נעמען? ער שטייט אַ ווילע ווי פאַרשלאָפן ביים טיש. טשיקאַווע, וואָס ריידן זיי דאָרטן. ער שפּיצט אויף די אויערן.

— צום מיטינג קומט עס נישט און אין שאַפּ האָט עס טענות — שרייט איינער אַריבער צום צווייטנס מאַשין.

— וואָס ווילסט, איך זאָל זיין דאָס כפּרה הינדל? וואָס מען רעדט, גיט גלייך דאָס ברידערל זיינס, אַל, אים איבער, — פאַרענטפערט זיך אַן אַנדערער.

— טאָ קריך־זשע נישט אויף מיר אַרויף, אַז דו ביזט אַליין אין דער ערד מיט די ביינער.

— שווייגט שוין בעסער. ער איז שוין ווידער דאָ, דער כלב.

מיסטער פליישמאַן גיט זיך האַסטיק אַ רייס־אָפּ פון טיש. ער איז שוין גאָר נישט פאַרשלאָפן. דאָס מויל מיט די פליישיקע ליפּן ווערט אָנגעבלאָזן. די אויגן שיסן מיט פייער. ער גייט צו האַרט צו די מאַשינען.

— עס דרייען זיך אַרום פלענטי מענטשן לוידיק. איר ווילט רעדן, גייטס אין פּאַרק און רעדטס, און איך וועל מיר קריגן אַ נייעם „סעט" געזעלן. מענטשן צערייסן מיך. מען לאָזט מיך נישט דורכגיין די סטריט.

קיינער ענטפערט נישט, אַלע זיצן מיט פאַרטוענע קעפּ, אָבער פליישמאַן גייט נאָך נישט אַוועק, ער רעדט:

— נישט אויסצוהאַלטן! איך טו אָן דאָס פאַרטוך און טו אויס דאָס פאַרטוך. כ'קען נישט אַרבעטן.

די אַרבעטער האַלטן נאָך אַלץ אַרונטערגעלאָזט די קעפּ, טייל ווי זיי וואָלטן אין זיך אַריינגעכיכעט. בלויז איינער, וואָס זיצט נאָענט צום מאָטאָר, מיסטער יודיס, אַ יונגערמאַן מיט אַ פאַרטרוקנט געלבלעך פּנים, זאָגט דרייסט צו אים:

— און אַז מען רעדט אויס אַ וואָרט . . . וואָס איז דאָ, אַ קאָנצענטראַ־ציע־לאַגער?

מיסטער פליישמאַן מאַכט זיך, ווי ער וואָלט נישט געהערט. ער רוקט זיך פּאַמעלעך אַוועק פון די מאַשינען צום טיש. ער נעמט זיך צייכענען מיט אַ בלייפעדער אויף דעם האַרטן טאָוול אַ נייעם פאַרעם. ער צייכנט פּאַמעלעך. די חברה האָבן שוין ווידער טענות, ווידער אומצופרידן. וואָר־דען? אַזוי ווי זיי דערשפּירן אַביסל אַרבעט, אַזוי הויבן זיי אויף די קעפּלעך. און די פּגירה, דער יודיס, רעדט שוין ווידער ווי אַ גדול. אפשר וויל ער שוין ווערן טשערמאַן? זיין ברודער, אַל, טויג אים נישט. וועט ער, פליישמאַן, אים ווייזן, אַז דאָ איז די „קאַונטרי", דאָ איז נישט ניו יאָרק, דאָ איז דער באַלעבאָס מיסטער פליישמאַן! ער וועט יודיסן נאָך היינט זאָגן ער זאָל ליגן איינגעלייגט. אים צאָלט ער דאָך פולע שכירות. וואָס וויל ער נאָך ער וועט אים זאָגן: „מאַינד יור אָאון ביזנעס" (מיש זיך נישט אין מיינע געשעפטן, הייסט עס), וועט ער אים זאָגן, און אויב ער וועט ווייטער רודערן, וועט ער אים ווייזן, ווער ס'איז דער באָס. קיינער פון זיינע עלטערע אַרבעטער וועט אים נישט פאַרקלאָגן פאַר דער יוניאָן. זיי ווייסן, אַז ער קאָן נישט צאָלן דעם פולן פּרייז, וואָס ער האָט נאָכגעגעבן. ער וועט נישט האָבן קיין אַרבעט, אויב ער וועט נישט קאָנען אונטערשטעלן קיין פּיסל די גרויסע פלעצער, קאָנקורירן מיט זיי. אָבער ווי עס זאָל נישט זיין, זעט ער שוין, אַז ער דאַרף זיין צוגעגרייט. זיי האָבן אַ קאָנטראַקט מיט זיין אונטערשריפט. זיי קאָנען אים אַ קוועטש טאָן ביים גאַרגל, ער זאָל נישט קענען אָטעמען.

פון די אַלע געדאַנקען ווערן אים די שלייפן אָנגעדראָלן, אָנגעגאָסענע שוואַרצע אָדערן צעלייגן זיך אים איבערן שטערן. ער דערפילט אַ ברענענ־דיקן פיבער אין די אויגן. און כדי צו לינדערן דעם ווייטיק, פאַרקוועטשט ער דעם שטערן, גלעט זיך אויס די אָדערן און פאַרמאַכט אויף אַ ווײַלע די אויגן.

ווען ער האָט צוריק געעפנט די אויגן, האָט ער דערפילט אַ דערלייכ־

טערונג. קעגנאיבער זיין טיש, לעבן די פיגורן, איז געשטאַנען איינער פון זיינע מיטליאָריקע אַרבעטער, פּיוול שניידער מיט אַן אויפגעקנעפּלטער וועסט און אַנגעטאָן אַ מאַנטל. פּיוול איז איינער פון די בעסערע אַרבעטער דאָ אין שאָפּ, מאַכט ער שוין יאָרנלאַנג דופּליקאַטן. כאָטש זיין אויסזען איז זייער אַ שלאַבריקער, גיט ער אַרויס אַ ריין שטיקל אַרבעט. ער איז שטאַרק דער־שוויצט, פּיוול, די פּאָר הערעלעך אויפן שפּיץ־שטערן שטייען אויפגעשטעלט, די אָנגעבלאָזענע באַקן הענגען אים ברוגזדיק אַרונטער איבערן צעקנעפּלטן קאָלנער פון העמד. דער אויפגעיוירענער בויך הענגט אים אַריבער די ני־דעריק אַרונטערגעלאָזטע הויזן. מיסטער פליישמאַן גייט פּאַמעלעך צו, גיט אַ גלעט דעם מאַנטל:

— נו, פּיווקע, דו שיסט אַריין, האַ? אַז כ׳וועל אַרויסקריגן שנעלער די דופּליקעיטס, וועסטו מאַכן אַ סיזן, פּיוועלע.

— דאָס וואָס כ׳וויל, מיסטער פליישמאַן, כ׳בין זייער געענגט.

פליישמאַן האַלט אַ ווייל דעם קאָפּ אַרונטערגעלאָזט, ווי ער וואָלט זיך וועגן עפּעס זייער געזאָרגט. נאָכדעם זאָגט ער:

— יאָ, איידער דו גייסט אַהיים, כאַפּ זיך אַריין צו מיר. כ׳דאַרף מיט דיר עפּעס איבעררעדן.

פּיוול גייט צוריק צום מאַשין, אַ צעפּלאָמטער. ער פאַנגט אָן אַרבעטן, אָבער דער מוח שפּאַלט זיך: וואָס וויל ער מיט אים ריידן? אפשר וויל ער אים געבן אַ פּאָר רעשטלעך צו מאַכן ווינטער מאַנטעלעך פאַר זיינע מיידלעך? אָבער עס איז אים נישט ניחא די מתנה. ווי נאָר ער וועט אַהיים ברענגען, צעלייגן אויפן טיש, צוצעשניידן, וועט אים זיין ווייב גלייך נעמען באַקלאָגן. זי איז טאָקע גערעכט אויך: וואָס טויג אים די מתנות, אַז ער גיט אים נישט קיין לייטישע שכירות? וואָס העלפן שוין די שיינע מאַנטעלעך, אַז ער וואוינט אויף דער סאַלאָוואַן גאַס, „דאַונטאַון״, נאָענט פון די שעפּער, עס זאָל אים קאָסטן ביליק דירה־געלט. די קינדערלעך ווערן נעבעך פאַרשוואַרצט, אויסגעמאַטערט. עס איז אַדורכגעגאַנגען אַזאַ זומער, אַזעלכע היצן, ווייבער פון לייטישע פאַרדינער זענען געפאָרן אויפן לאַנד, נאָך פרישע לופט, און זיינע קינדער, אויפן פאַרסמאָלעטן אַספאַלט, אונטער די אויטאָמאָבילן. דער גוטער יאָר ווייסט זיי, ווי אַזוי זיי קריכן אַרויס גאַנצערהייט. איצט גייט אַזאַ שווערער ווינטער. די קינדער וועלן נעמען הוסטן און אויף אַלץ דאַרף מען געלט. פּיוול נעמט דערפאַר יאָגן די מאַשין מיט אימפּעט. אַלע אברים ווילן זיך אַריינוואַרפן אין דער מאַשין, טרייבן וואָס גיכער, ווארים אָט, אָט איז

נאָכן סעזאָן. גיי גלויב אים, מיסטער פליישמאַנען, אַז ער וועט האָבן אַ לאַנגן סעזאָן. פּיוול האָט שוין דערפאַרונג: היינט וועדסטו צעזעצט אַרבעטנדיק, מאָרגן — כאַטש ניי צעגויף די ווענט.

די מאַשינען האָבן זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט. פּיוול האָט זיך אויפ־געכאַפּט, ווי פון אַ חלום. אַרום אים האָבן די אַרבעטער זיך שוין אויפגע־שטעלט, אַריינגעלייגט די שערן אין שיפלאַדן, זיך אָנגעטאָן און אייניציקווייז, גרופּעסווייז פאַרלאָזט דעם שאָפּ.

פּיוול האָט זיך געמאַכט, ווי ער וואָלט פאַרריכט די מאַשין. ער האָט אויפגעשרויפט דאָס שטאָלענע פּליטל פון אונטער דער נאָדל־שטאַנג און גע־צופּט, געררייניקט די צייך. אין שאָפּ איז געווען שטיל. בלויז אַ פּאַרטויבנדיקע זשומעריי האָט אים נאָכגעקלונגען איין די אויערן. פּיוול האָט זיך פאַמעלעך אויסגעדרייט. דער שאָפּ איז געווען אָן מענטשן. בלויז ער אַליין ביים טריבן לעמפּל האָט זיך געאײַלט צו פאַרשרויפן דאָס פּליטל.

פּיוול האָט אָנגעטאָן זיין רעקל, פאַרקנעפּלט דעם קאָלנער און זיך אַוועק־געלאָזט צום אָפיס. מיסטער פליישמאַן איז געזעסן אין שטול לעבן שרייב־טיש און ווי געדרימלט. פּיוול האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ. פליישמאַן האָט זיך שלעפערדיק אומגעקוקט:

— זעץ זיך אַוועק, פּיוול.

פּיוול האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ברעג פון אַ שטול און געווישט דעם שווייס פון שטערן. פליישמאַן האָט אַרויסגעשלעפּט אַ בלייפעדער פון איבערן אויער און געגומען צופּן דעם שפּיץ:

— דיר איז גוט. אַרבעטסט זיך אָפּ דעם טאָג און ביזט אַ פרייער פויגל. אָבער איך מוז דאָ ליגן, זאָרגן זיך וועגן יעדער זאַך.

אין אַ ווינקל ביי אַ טישל איז געזעסן דאָס אָפיס־מיידל, העלען, און גיך געקלאַפּט אויף דער מאַשין. זי האָט אַרויסגעשלעפּט עטלעכע בויגנס זיך האַסטיק אויפגעשטעלט און נאָענט צוגעגאַנגען צו מר. פליישמאַן. פלייש־מאַן האָט אַ בלאַנדזשע געטאָן מיט די אויגן און געשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז עס געפעלט אים.

—זעסט, דאָס איז פאַר דיר, פּיוול, אונטערצושרייבן. אַלע ווען דאָס טאָן. דאָס איז בלויז פאַר די ביכער . . . פאַרשטייסט? מען מוז מאַכן אָן אָנשטעל, אַז מען צאָלט די גוטע ווידזשעס. אַזוי איז ביזנעס, מען בלאָפט אַביסל אונטער, צו האַלטן דעם פּאַסאָן, כע, כע, פאַרשטייסט?

פּיוול האָט געקוקט אויף דעם פּאַפּיר. די שורות האָבן געשווינדלט פאַר זיינע אויגן, אויסגעזען ווי צעשמירטע ליניעס. ער האָט אייגגעהאַלטן דעם אָטעם,נישט אַרויסצוזיפצן.

ווער ווייסט, צי ער מעג דאָס אונטערשרייבן? און זאָגן ביין, וועט פליישמאַן זיך צעשרייען, אָדער זיך צעלאַכן. דערווייל האָט זיך די טיר געעפנט. עס איז אַרייַנגעקומען פון דרויסן מיסעס פליישמאַן אין אַ בלויען קלייד, מיט אַ גרויסן זילבערנעם פוקס איבער די אַקסלען. מיט איר איז מיטגעקומען זייער אַדאָפּטירט ייִנגל, אַ שלאַנק בלאָנד ייִנגל. ער האָט געהאַלטן עטלעכע שול־ביכער אונטערן אָרעם. מיסטער פליישמאַן האָט צו זיי געזאָגט מיט עפּעס אַן אייַנגעהאַלטענעם געבייזער:

— גייט אַרייַן אין שאָו־רום, איך וועל אייַך באַלד זען.

פּיוול האָט זיי נאָכגעקוקט, באַזונדערס דעם ייִנגל מיט די געלאַסענע טריט. דאָס אַרייַנקומען פון דעם ייִנגל האָט אים אינגאַנצן באַרויִקט: עס איז פאַרט נישט, ווי דער יודיס וויל אים אייַנריידן, אַז פליישמאַן האָט נאָר זיך איינזינען. אָט האָט ער אַרייַנגענומען פון יתומים־הויז אַ קינד, אים געמאַכט פאַר אַן אייגענעם זון. אַז זי, מיסעס פליישמאַן, קומט אין שאַפּ, ברענגט זי דעם ייִנגל מיט, אָפּטער ווי אירע אייגענע קינדער.

מיסטער פליישמאַן האָט אים איבערגעריסן די געדאַנקען:

— נו, וואָס שלאָפסטו? האָסט מורא אַוועקצולייגן דייַן וואָזשנעם נאָמען? קיין צייַט האָב איך נישט צו דיר, מייַן ווייב וואַרט אויף מיר.

— ווער האָט מורא? — האָט זיך פּיוול באַליידיקט. ער האָט גענומען די פּען און מיט שווערע פינגער אויסגעציקלט זייַן נאָמען.

פליישמאַן האָט זיך גלייכגילטיק אויפגעהויבן און אַוועק צום שאָו־רום. פּיוול איז נאָך אַלץ געשטאַנען. נישט געוואוסט, צי פליישמאַן דאַרף אים מער נישט. פליישמאַן האָט זיך באַלד צוריקגעקערט, געבראַכט עטלעכע רעשטלעך געוואַנטן.

— נעם דאָס! גוטע שטיקלעך וואַרע.

פּיוול איז נאָכדעם זייער אומעטיק אַרויס פון שאַפּ. ער וואָלט זייער געוואָלט קיינער פון די אַרבעטער זאָל אים נישט טרעפן. זאָל מען נישט זאָגן, אַז ער שנאָרעט שטיקלעך, אָדער מען זאָל מיינען, אַז ער טרייבט רכילות אויף עמיצן. אָבער אויף צו להכעיס קומט אים אַנטקעגן מיסטער יודיס.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן? — פרעגט אים יודיס.

— ווער האָט זיך דערשראָקן, ווער? — זאָגט פּיוול און לאָזט זיך צום עלעוועיטאָר.

זיי פאָרן אַרונטער שווייַגנדיק. פּיוול שעמט זיך אויפצוהויבן דעם קאָפּ.

— וואָס האָט ער דיך אַזוי לאַנג געהאַלטן?

— ווער געהאַלטן, וואָס געהאַלטן? — ענטפערט פּיוול מיט אַ געבייזער.

ביים אַרויסגיין פון עלעוועיטאָר האָט יודיס אים אַ נעם געטאָן ביים האַנט:

— האָסט אונטערגעשריבן אַ פּאַפּיר, אַז דו נעמסט פולע שכירות, די יוניאָן זאָל אים נישט קענען קלאָגן? . . . זאָג מיר. וועסט שלעכט אָפּשניידן!...

פּיווּל האָט זיך דערשראָקן פאַר יודיסעס גליענדיקע אויגן. ער האָט דערפילט אַ ווייטיק אין האַנט, ווי עס וואָלט אים צוגעקוועטשט אַן אײַזערנער רינג.

— לאָז אָפּ די הענט! וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט צו מיר? איך בין נישט דער אײַנציקער, וואָס לאָזט זיך שניידן דעם גאָרגל. אַז כ׳וועל אַרומגיין ליידיק וועט מיר זײַן בעסער?

יודיס האָט אָפּגעלאָזט זײַן האַנט און מיט אַ צאָרנדיק פּנים האָט ער אויסגעשריען:

— די יוניאָן וועט עס נישט דערלאָזן? איך וועל עס נישט דערלאָזן!

יודיס האָט זיך גיך אַוועקגעלאָזט צו די גרויסע אַרויסגאַנג־טירן פון דער געבײַדע. ער איז געלאָפן מיט פלינקע, ייִנגלישע טריט. פּיווּל איז אים נאָכגעלאָפן מיט זײַן שווער לײַב. ער האָט געזען, ווי יודיס פאַרקערע־וועט זיך מיט דער ערשטער גאַס. פּיווּל האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן דער דזשיפּיס „לאַנטש רום" און נאָכגעקוקט יודיסן, ווי ער אײַלט ערגעץ, מסתמא צו דער יוניאָן געבײַדע, אים צו פאַרקלאָגן.

פּיווּל האָט זיך צוריקגעקערט צו דער געבײַדע, ער איז אַרײַנגעלאָפן אין רחבותדיקן פעדער־הויז, געדריקט דאָס קנעפּל פון עלעוועיטאָר אַ צע־רודערטער. ער מוז אים שוין צוריקגעבן די אונטערשריפט, ער וויל נישט האָבן קיין צרות, וועט ער אים זאָגן, דעם באַלעבאָס זײַנעם.

ווען ער איז אַרויס פון עלעוועיטאָר, האָט ער ווידער גענומען גיין געלאַסענער. קיין רכילות וועט ער נישט טרײַבן, ער וועט נישט אָנמאַכן קיין בייז האַרץ אויף יודיסן. ער וועט פליישמאַנען בלויז זאָגן, אַז ער מוז פריער איבעררעדן מיטן ווײַב. זײַן אונטערשריפט, משטיינס געזאָגט, איז טאַקע גאָרנישט ווערט, אָבער ער מוז פריער איבעררעדן מיטן ווײַב זײַנעם. ער איז געשטאַנען אַ ווײַל ביים טיר און זיך געקווענקלט. ווען ער קען עס כאָטש אָפּלייגן אויף מאָרגן. וואָס האָט זיך דאָס מיט אים געטאָן, אַזוי, מיר־נישט, דיר־נישט, געגעבן אַן אונטערשריפט, כדי די יוניאָן זאָל נישט האָבן אים פאַרוואָס צו קלאָגן? . . .

ער האָט אָנגעקלינגען ביים טיר. עס האָט גענומען אַ קורצע ווײַל. מיסטער פליישמאַן האָט געעפנט אַ טירעלע, נאָכדעם די גאַנצע טיר:

— האָסטו עפּעס פאַרגעסן?

— ניין, גאָרנישט פאַרגעסן, ס׳איז וועגן אונטערשריפט. איך ווייס נישט, וואָס איר דאַרפט מיין אונטערשריפט.

פליישמאַן האָט נערוועז אַ שאַר געטאָן זיין האַנט איבערן קויטיקן פליך. אויף זיין צעקנייטשטע פּנים האָט זיך אויסגעשפּרייט אַן אָפּשפּעטנדיק שמייכעלע.

פייוול האָט זיך דערפילט זייער פאַרלוירן און פון בושה זיך שטאַרק פאַררויטלט. עס קאָן זיין, אַז עס איז טאַקע גאָרנישט און מר. פליישמאַן האַלט אים פאַר אַ בהמה. פייוולען האָט זיך פלוצים אויסגעדוכט ווי עמעץ האָט זיך דאָ נישט ווייט דורכגעשלייכט. פייוול האָט זיך דערשראָקן אומגעקוקט.

— ביזט געקומען מיט עמעצן? ווער האָט דיך געשיקט?

— נאָ, נאָ, אַליין בין איך געקומען, איר פאַרשטייט, מיין ווייב . . .

האָט פייוול געגומען שטאַמלען.

פון פאָדער־הויז האָט זיך צוגערוקט יודיס, אַ געלאָסענער, ווי ער וואָלט דאָ די גאַנצע צייט געשטאַנען. פייוול האָט אַרונטערגעלאָזט דאָס פּעקעלע. פליישמאַן האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר ווילדע, דערשראָקענע אויגן, אַ שטויס געטאָן דאָס פּעקעלע פון זיך און מיט רוגזה צוגעהאַקט די טיר.

1938

ש. אַ פ ט ע ר איז געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט אָפּאַטאָוו, פוילן, קעלצער געגנט אין יאָר 1907 בײַ אָרעמע עלטערן.

ער האָט געלערנט אין חדר און אין אַ ישיבה און זיך אָפּגעגעבן מיט זעלבסט־בילדונג. ער נעמט אַן אַקטיוון אנטייל אין דער קולטור־טעטיקייט פון דער אַרבעטער באַוועגונג פון זיין היים־שטאָט.

צו 18 יאָר קומט ער קיין וואַרשע מיטן צוועק צו שטודירן. ער גרייט זיך צו ווערן אַ לערער. ער הויבט אָן שרייבן לידער און דערציילונגען. אין יאָר 1928 דרוקט ער זיינע ערשטע לידער און סקיצן אין דער „יוגנט־פרייהייט״ פון די „פועלי ציון״ און אין י. מ. וויסנבערגס אויסגאַבעס פון יענער צייט. ער אַרבעט איבער אַ יאָר צייט אין וויסנבערגס פאַרלאַג און געפינט זיך נאָענט אַרום אָט דער מערקווירדיקער פערזענלעכקייט פון דער יידישער ליטעראַטור אין פוילן.

אין 1931 וואַנדערט ש. אפטער אויס פון פוילן קיין קאַנאַדע. ער באַזעצט זיך אין טאָראָנטאָ. ער לעבט איבער עטלעכע שווערע יאָרן אין זיין נייער היים, לערנט זיך אויס אַ פאַך אין אַ קליידער־שאַפּ. וואַנדערט אַרום איבער קאַנאַדע. שרייבט פון צייט צו צייט אין טאָראָנטער „יידישן זשורנאַל״, „פּראָלעטאַרישער געדאַנק״. ער גיט אַרויס עטלעכע ניט־פּעריאָדישע זאַמלהעפטן צוזאַמען מיט די קאַנאַדישע יידישע שרייבער.

אין יאָר 1934 פאַרבינדט זיך ש. אַפּטער מיט דעם קעמפערישן אָרגאַן פון דער קאַנאַדער יידישער אַרבעטער באַוועגונג „דער קאַמף״. ער ווערט אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער. זיין שרייבן נעמט אָן אַ נייע ווענדונג.

אין יאָר 1935 הויבט אָן ש. אַפּטער פאַרעפנטלעכן זיינע דערציילונגען אין דער „מאָרגן פרייהייט״. אין 1936 גיט דער פאַרלאַג „קאמף״ אַרויס ש. אפּטער אַ בוך דערציילונגען, „צווישן שטעט״, אין טאָראָנטאָ, וואָס ווערט פאַרשפּרייט דורכאויס אין קאַנאַדע. דאָס בוך „צווישן שטעט״ איז גוט אויפגענומען געוואָרן דורך דער יידישער קריטיק: משה כץ אין דער „מאָרגן פרייהייט״, דר. א. מוקדוני אין „מאָרגען זשורנאַל״, שלום שטערן אין „קאַמף״ א. א. וו.

אין 1936 קומט ש. אַפּטער קיין ניו־יאָרק, און בלייבט דאָ אַ לענגערע צייט. ער מאַכט דורך אַן עקזאַמען ביים לערער סעמינאַר פונם ניו־יאָרקער יידישן אַרבעטער אוניווערזיטעט, ווערט אַ לערער, לערנט אַ שטיק צייט אין די א. אַ. אָ. שולן. ער פירט דאַן אויך אַ קלאַס יידיש אין דעם יידישן אַרבעטער אוניווערזיטעט.

אין יאָר 1938 באַזעצט זיך ש. אפטער אין ניו־יאָרק. ער באַטייליקט זיך אין דער „מאָרגן פרייהייט״, „האַמער״, „סיגנאַל״, „גערעכטיקייט״ און אין דעם „איקוף״־זשורנאַל „יידישע קולטור״. ער אַרבעט איצט אויף אַ לענגערן היסטאָרישן ראָמאַן „אין געטאָ״, וואָס דערשיינט קאַפּיטלעכווייז אין דער „יידישער קולטור״.

פאָלקס־ביבליאָטעק

אַרויסגעגעבן דורך דער

שרייבער־סעקציע ביים איקוף

די שרייבער־סעקציע ביים איקוף האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע אַרויסצוגעבן ערנסטע ווערק פאַר די פאָלקס־מאַסן צו צוגענגלעכע פרייזן.

עס וועלן אין דער „פאָלקס־ביבליאָטעק" פאַרעפנטלעכט ווערן לידער, דערציילונגען, דראַמאַטישע ווערק, קריטיק, קולטור־היסטאָרישע און געשיכטלעכע אָפּהאַנדלונגען.

שוין דערשינען:

א) **נחמן מייזיל** —
דורות און תקופות
אין דער יידישער ליטעראַטור

ב) **לעאָן קאָברין** —
ריווערסייד דרייוו
(דראַמע אין דריי אַקטן).

ג) **ש. אַפּטער** —
דער בונט
און אַנדערע דערציילונגען

— • —

יעדעס ביכל — 25 סענט.

— • —

ס'ווערן געגרייט צום דרוק דורך דער „פאָלקס־ביבליאָטעק" נאָך ווערק.

אַדרעס :

Ycuf, 189 Second Avenue
New York, N.Y.